STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05792

ZAYNEN YORN GELOFN

Hayah Rahel Andres

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיה רחל אנדרעס, צו 21 יאָר די פאָטאָג ראפיע איז גענומען געוואָרן
איידער זי איז אַפּגעפאָרן פון סוואלק אין 1921.

Chaya Rochel (Ray) Andres at 21. Taken one day before she left Suwalki for America in 1921.

חיה רחל אנדרעס

זיינען יאָרן געלאָפן

מיין לעבנס געשיכטע

פאַרערדע און איבערזעצונגען אויף ענגליש
פון יודל קאָהען

Copyright, 1981
by Chaya Rochel Andres
6439 Deloache
Dallas, Texas 75225

לזכרון הערשלען
מיין ליכטיקן לעבנס-באגלייטער

אינהאלט

פאררעדע פון יודל קאָהען 7
מיין יישר כח 11

מיין לעבנס געשיכטע

קאפיטל 1 - מיין אָפּשטאם און קינדהייט .... 13.
קאפיטל 2 - איך וואקס אויף אין סוואלקי .... 18.
קאפיטל 3 - מיין ארײנשפּאַן אינעם נייעם לעבן
אין דאלאס, טעקסעס .... 24.
קאפיטל 4 - איך האָב חתונה, און ווער א מאמע 30.
קאפיטל 5 - איך האָב ליב יידיש .... 35.
קאפיטל 6 - די צווייטע וועלט מלחמה און נאך דעם 41.
קאפיטל 7 - מיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט .. 47.
קאפיטל 8 - פּעריאָדן אין מיין לעבן .... 53.
קאפיטל 9 - געדאַנקען .... 59.

לידער

זיינען יאָרן געלאָפן .... 65.
ניט דערזונגענע לידער .... 67.
מיין בענקשאפט .... 68.
צו דיר - מיינע לידער .... 69.
אין אייביקן בענקען .... 70.
מיין מאמעס טרער .... 72.
פּסח - זמן חרותנו .... 74.
שוידער פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט .... 76.

אינהאלט

די נומערן אויף דיין היינט, ניט פרעג! 79
צעשראָקן אויפן טעלעפאָן 81
ניט פאַרגעסן! 83
א נאכט א לאנגע 84
באגינען 86
פארפלאנצט א בוים 87
פארמעסט 88
א ליכטיקער פרימאָרגן 89
א בליץ פון געדאנק 90
פרילינג 91
א פרילינג פרימאָרגן 93
פרימאָרגן 95
דער דריטער זמן 97
זאָג ניט דו ביסט אלט 99
יאָרן 100
דאָס נייע לעבן 101
בילדער פון די קליימאן - אנדרעס משפחות 105

פֿאָררעדע

אָנשרייבנדיק די פֿאָררעדע, טרעטן מיר פּאַקטיש איבער אויסגעטראָטענע וועגן, און עס קען דעריבער ניט זיין אינגאַנצן אָביעקטיוו. אַרויסהעלפנדיק חיה רחל אַנדרעס אין דער איבערזעצונג און מיט דעם דרוקן פֿון איר לעצטן בוך „פֿאַר וועמען זינג איך מיינע לידער", זיינען מיר אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אינטימען קרייז־וועג פֿון אירע חלומות און שטרעבונגען.

אַריינלעבנדיק זיך אין אירע לידער, נאָכער דורך אונדזערע אָפטע קאָרעספּאָנדענצן און „לאָנג־דיסטענץ" טעלעפֿאָנישע געשפּרעכן, איז די פֿאַמיליע פֿון דער הויז־פֿרוי, מוטער און באָבע געוואָרן אונדזער פֿאַמיליע... און אירע פּילצאָליקע פּריינט — אונדזערע פֿריינט. די הויז־פֿרוי, פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּאָעטעסע, האָט זיך איצט, מיט ווידערווילן און באַשיידנקייט, זיך אונטערגענומען, צו באַפֿרידיקן דעם געבעט פֿון איר באַליבטע פֿאַמיליע, אָנצושרייבן איר לעבנס־געשיכטע. זי האָט דאָס באַוויזן צו טאָן מיט דער זעלבער געפֿילפֿולקייט וואָס דרינגט דורך אַלץ וואָס זי שרייבט. די געפֿילפֿולקייט און תשובה צו דער מענטשהייט בכלל, וואָס נאָר אַ מענטש מיט אַן עכטע פּאָעטישע נאַטור קען דאָס באַווייזן... דאָס איז געווען די צוציאונגס־קראַפֿט וואָס האָט געכאַפּט אונדזער אויג, דורך אַ צופֿעליגע קאָרעספּאָנדענץ.

איבערלייענענדיק איר לעבנס־געשיכטע, האָבן מיר בלויז איין קריטישע אַנטשיידונג... אַז מיר האָבן דאָס געפֿיל אַז זי דערציילט ניט אַלעס... אַז עס איז דאָ פֿיל מער צום דערציילן, וואָס זאָל איר געשיכטע דערגאַנצן. אָבער דאָס וואָס זי שרייבט יאָ אָן, איז זייער ווערט צום דערציילן.

ספּעציעל היינט צו טאָג, ווען מענטשן זוכן זייער עטנישן אורשפּרונג, איז אַזאַ לעבנס־געשיכטע, אַזוי ווי פֿיל, פֿיל אַנדערע — אַ וויכטיקער ביישטראָג. די יוגנט זוכט איצט אירע וואָרצלען... און באַזונדערס די יידישע יוגנט, וועלכע זוכן זייער אייגענע אידענטיפֿיצירונג. פֿאַר זיי איז דער בוך אַן אוצר וואָס ציט אַ בריק

צווישן די דורות... נישט נאָר פּאַר אירע ליבע קינדער און אייניקלעך, פּאַר וועלכע זי האָט דאָס אָנגעשריבן... אָבער בכלל, פּאַר אַלע וועמען עס גייט אָן דער המשך און איבערלעבונג פון דעם יידישן פֿאָלק.

די אויטאָביאָגראַפיע איז אייגנאַרטיק אין נאָך אַן אינזיכט. מיר זיינען שוין צוגעוואוינט צו לייענען ביאָגראַפיעס און מעשיות וועגן דעם יידישן אימיגראַנט און זיין מוטשעניש אין די סוועט־שעפּער, אין די טענעמענט־הייזער, אין דער גרוויליקער שטיקעניש פון די איבערפּלאַנצטע שטעטלעך פון אייראָפּע אין דער געדעכעניש פון אונדזערע גרויסע שטעט.

אין דער לעבנס־געשיכטע באַקענען מיר זיך מיט אימיגראַנטישע יידן וואָס האָבן אויסגעמידן דאָס געדעכעניש אין דער „נייער וועלט״, און האָבן זיך איינגעאָרדענט אין קלענערע שטעט וואו עס זיינען געווען פיל ווייניקער מענטשן, און זיינען געוואַקסן און דאָרט געפונען זייער גליק. אָנגעפאַנגען האָבן זיי זיך אין די באַשיידענע „טאַטע־מאַמע״ קראָמען, אָדער מיט פּעדלעריי, און דאָס גלייכן... מיט אַן אַנדער סאָרט שווערע פּראַצע... כאָטש ס׳איז געווען אָן הונגער און אָן דער אומזיכערקייט פון פאַרלירן אַ שטעלע... און צוביסלעך האָבן זיי זיך דערוואָרבן אַ ביסל בעסערן לעבן.

דאָס איז די מעשה פון אַ יונג מיידל, וואָס איז אַוועקגעלאָפן פון אַ קליין שטעטל אין אייראָפּע און איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרעסערער אַמעריקאַנער שטאָט. אין דעם בוך דערציילט חיה רחל אַנדרעס וועגן יידן וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און האָבן זיך אָרגאַניזירט אין יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווייל זיי האָבן ליב געהאַט די יידישע שפּראַך, די יידישע קולטור, און האָבן עס געוואָלט אָנהאַלטן... זיי האָבן זיך ניט געלאָזט אַסימילירן אין זייער ניי־אַדאָפּטירט לאַנד, מיט איר פרעמדע שפּראַך און מנהגים... און האָבן, פּונקט ווי דער מחבר פון דעם בוך, פאַרהאַלטן חלומות אין זייערע אויגן.

דאָס איז אַ מעשה פון פאַמיליע לעבן און ליבשאַפט... פון חיה רחל, וועלכע קעמפט אָנצוהאַלטן איר באַליבטע שפּראַך, יידיש, אין אַ לאַנד וואו אַנדערע שפּראַכן ווערן גענוצט... און וועלכע האַלט זיך פעסט אין איר ווילן צו לייענען און זיך פאַרטיפן אין די יידישע קלאַסיקער, וועלכע זי האָט פאַרגעטערט...

צוויי פאַקטאָרן ווערן בולט אַרויסגעבראַכט אין דעם בוך.... אייביקע איבערגעבנקייט צו איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, הערשל און איר באַליבטע משפּחה אין אַמעריקע.... און דאָס אונטערהאַלטנדיקע

אייביקע נאָגונג... וואָס איז ליידנשאַפטלעך און דורכדרינגענדיק... אַז זי איז די איינציקע, לעבן־געבליבענע פון דער גאַנצער קלײַמאַן משפחה... וועלכע זיינען אַזוי ברוטאַל פאַרניכטעט געוואָרן פון די נאַצישע בעסטיעס. זי אַליין איז לעבן געבליבן בלויז דורך דעם צופאַל וואָס זי איז אַוועקגעלאָפן פון איר היים און פון איר שטעטל כדי אויסצומיידן חתונה האָבן מיט אַ מענטש וואָס איז איר ניט געווען צום האַרצן. חיה רחל... די איינציקע געבליבענע... ווערט פאַרפאָלגט פון אירע זכרונות... און זי גיסט אויס איר האַרץ סיי אין אירע לידער, סיי אין איר פּראָזע. דער שוידער פון דעם אומפאַרגעסלעכן חורבן וואָס אונדזער פאָלק האָט געליטן, אין פולן שוידער, הויבט זיך אַרויס אין דער פולער ווירקלעכקייט פון איר סענסיטיווער נשמה.

פונדעסטוועגן, פאָלגט זי נאָך, מיט שטאָלץ, דעם וווקס און רייף ווערן פון איר פאַמיליע אין אַמעריקע, מיט דעם געשטאַלט פון איר פאַרשטאָרבענעם, ליבן מאַן, הערשל שטענדיק אין דעם הינטערגרונט. זי וואַרפט זיך אַריין אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון איר אַדאָפּטירטן לאַנד מיט גרויס אייפער. מיר וועלן דאָ גאָרנישט ציטירן פון דעם בוך. מיר לאָזן עס איבער צו דעם לייענער צו דערשפּירן אירע פאַרשידענע טאַלאַנטן. צו אירע קינדער און אייניקלעך קענען מיר זאָגן, אַז די האַרציקע באָבע גיט זיי איבער איר ירושה ביים לעבן... אַ פּרעכטיקע ירושה... וואָס זיי קענען אייביק טייער האַלטן... אַ פּרעכטיקער חלום פון המשך פון יידישן פאָלק דורך אייך... אירע באַליבטע קינדער און אייניקלעך.

יודל קאָהען

מיין יישר כח

פאַר מיין איבערגעבענער משפחה און נאָענטע פריינט —

פאַר די אַלע וואָס האָבן זייער ליבשאַפט און גרויס איבערגעבנקייט אַרויסגעוויזן צו מיינע אָפּטמאַל פאַרצווייפלטע געפילן וועגן אַרויסגעבן אַ בוך פון מיין לעבנס געשיכטע.

ניט גאָר גרינג איז פאַר מיר צו דערציילן אַלץ וואָס האָט זיך מיט מיר אין מיין יוגנט פאַרלאָפן.

איך האָב אָבער פיל נחת דערלעבט אין מיין פאַרהייראַטן לעבן מיט מיין ליבן הערשלען... און דאָס גרויס נחת פון אונדזערע דריי זין... און דאָס גליק פון אַלע אונדזערע „שיר השירימדיקע" אייניקלעך, וואָס האָבן זייער באַבען כמעט פאַרגעטערט פאַר איר אונטערנעמונג צו שרייבן די געשיכטע פון איר לעבן אין איר רייפער עלטער.

ביי מיינע אייניקלעך בין איך נאָך גאָרניט אַלט געוואָרן... וועל איך דאָך זיך וועגן דעם מיט זיי ניט דינגען... אָבער אַ גרויסער יישר כח קומט זיי דערפאַר.

מיין טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר יודל קאָהען, דעם געדולדיקן, געטריי־איבערגעבענעם איבערזעצער, פאַר זיין מי אַרויסצוברענגען מיינע צערפולע, ווי אויך פריידיקע געפילן אינעם גאַנג פון אַנטפלעקונג פון מיינע געדאַנקען אין מיין לעבנס־געשיכטע, ווי אויך אין מיינע לידער.

— און דער ליבער דזשאַנעט׳ן — מיין באַוווּנדערונג פאַר איר געניטער רעדאַקטירונג און פאַר באַזאָרגן, מיט גרויס אחריות, די גאַנצע פּראָדוקציע פון דרוקן און פאַרענדיקן מיין בוך.

די פריידיקסטע צופרידנשטעלונג איז עס פאַר מיר, ווי אויך פאַר מיין משפחה.

„די באָבע"
חיה רחל קליימאַן אַנדרעס

קאַפּיטל איינס

מיין אָפּשטאַם און קינדהייט

דער גליקלעכער פּעריאָד אין מיין לעבן איז געוויס געווען מיין קינדהייט, אין דער שטאָט סוואַלק, פּוילן, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, צוויי וואָכן פאַר שבועות, אינעם יאָר 1899.

פאַר מיין טאַטע-מאַמען איז מיין אָנקום געווען אַ גרויסע שמחה. אַזוי פלעג איך אַלע מיינע יאָרן הערן דאָס דערציילנדיק פאַר פריינט, פאַר שכנים, אָט ווי אין די אַלע קליינע שטעטלעך אין יענע יאָרן פלעגן טאַטע-מאַמעס זיך קוויקן אין זייער נחת, דערציילנדיק חכמות פון די קינדערלעך.

די זון איז געוויס אויפגעגאַנגען אין איר ריכטיקער צייט, ווען דער זייגער האָט געשלאָגן די שעה, זעקס באַגינען. דער האָן האָט אַוודאי געקרייט אין צייט און האָט אויפגעוועקט די שכנים פונ׳ם הויף... און איך, די ניי-געבוירענע, מיט מיין ערשטן געוויין און געשריי, האָב געוויס אויפגעוועקט מיין צוויי-יאָריקן ברודערל, וואָס איז ניט געווען צופרידן מיט מיין אָנקום, ווי אויך מיט דער שטערונג פון זיין שלאָף.

מיין טאַטע-מאַמע זיינען געווען מרדכי מאיר און חנה קליימאַן. דער טאַטע, עלטער פון מיין מאַמען מיט אַ יאָר 25, איז געווען אַ ליבער, אַ פרומער, אַ בכבודיקער ייד, אַ בן תורה. אויסגענוצט האָט ער זיין קענטשאַפט, זיין לערע, ווי היינט וואָלט עס געהייסן אין „וואָלאָנטיר אַרבעט״. ער האָט געלערנט מיט יידן אַלע טאָג בין מנחה למעריב „עין יעקב״. געווען איז ער אַ גוטער דערציילער און אַן אויסערגעוויינלעכער אויסטייטשער.

שבת-צו-נאַכט פלעגט ער לערנען „משניות״ מיט אַן עולם יידן אין גרויסן בית המדרש, אַנטקעגן אונדזער הויז.

זיינע שיינע ניגונים פון שבת׳דיקע זמירות פלעגט מען זומערצייט קענען הערן פון ווי ווייט. מיר קינדער פלעגן מיטזינגען אין כאָר. די הייליקייט וואָס די שבתים און ימים טובים האָבן אַריינגעבראַכט אין אונדזער משפחה-לעבן האָט געלאָזן אַ שטעמפּל אויף מיר, ווי אויך אויף אונדזערע קינדער, פון וועלכן איך צי מיין אייביקן חיות...

איך געדענק אויך ווי מיין טאַטע פלעגט צעזעגן די גרויסע קלעצער האָלץ, און זיי צעשפּאַלטן מיט אַ האַק, ווי אַ געניטער האָלץ-העקער. די האָלץ פלעגט מען ביי אונדז אָנגרייטן פאַרן ווינטער.

מיין טאַטע פלעגט אויפשטיין זייער פרי, פלעגט זאָגן זיין „יום תהילים", אַזוי ווי דאַמאָלסט האָבן זיך פרומע יידן געפירט. ער פלעגט איינהייצן מיט צוגעגרייטער האָלץ אונטער דעם קופּערנעם קעסל מיט וואַסער, וואָס איז געווען אַריינגעמויערט אין וואַנט. עס האָט געהאַט אַ מעשענעם קראַן צום צאַפּן די קאָכעדיקע וואַסער אַ גאַנצן טאָג, פאַר אונדז און פאַר געסט וואָס פלעגן ביי אונדז אַריינקומען טרינקען טיי.

מיין טאַטע פלעגט אונדז קינדער אָפּוואַרטן ביים צוריקקומען פון לערנען. ער פלעגט זען אַז אונדזערע הענט זאָלן זיין ריין געוואַשן, זאָגן „שאו ידיכם" פאַרן עסן, און פלעגט אַכטונג געבן, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן איידל ביים עסן... ניט רעדן ווען דאָס מויל איז פול מיט שפייז, א.א.וו. מיט אַנדערע ווערטער, ער פלעגט אונדז לערנען „עטיקעט" — פון דעם „שולחן-ערוך". צי דאָס האָט געהאָלפן, געדענק איך ניט... אָבער עס האָט געוויס ניט געשאַט.

מיין ליבע מאַמע האָט געפירט די בעל-הבתישקייט. זי איז געווען די פאַרזאָרגערין פון חיונה פאַר אונדזער הויזגעזינד. אונדזער היימישע אכסניא איז געווען מערסטנטיילס פאַר אַרבעטער, וואָס פלעגן בויען גרויסע קאַזאַרמעס פאַר דער רוסישער מיליטער. מיין געבורטסשטאָט סוואלק איז געווען נאָענט ביים דייטשישן גרעניץ, דעריבער איז די שטאָט געווען באַוואַכט מיט פיל מיליטער... און יידן פלעגן ציען חיונה פון די סאָלדאַטן, וואָס פלעגן אַלע זונטיק זיין פריי פון מיליטער דינסט, קומען אין שטאָט און אויסגעבן דאָס ביסל געלט, וואָס זיי פלעגן קריגן פון דער רוסישער רעגירונג.

מיין מאַמע איז געווען זייער געראָטן אין געשעפט. זי פלעגט אַליין איינקויפן אין מאַרק אַלע פּראָדוקטן — די עופות, די פיש, די קאַרטאָפל, די אַלע גרינסן וואָס האָבן זיך געפאָדערט פאַר אונדזער אכסניא. זי פלעגט קאָכן, באַקן, סערווירן, און אַליין פירן די רעכענונגען. מיין מאַמע האָט געדענקט אַלץ פון אויסנווייניק... וויפיל יעדערער איז שולדיק געווען. פיל פון די קונדן פלעגן עסן ביי אונדז אויף באָרג, און גאַנץ אָפט אַוועקפאָרן פון שטאָט און ניט באַצאָלן זייער חוב.

מיר זיינען געווען פינף קינדער — פיר שוועסטער און איין איינציקער ברודער, שלמה נחום. ער איז ביי אונדז געווען אַ ציטעריקער. ס'געדענקט זיך מיר פון מיין טאַטע-מאַמעס געשפּרעכן, אַז שלמה נחום האָט ניט געהאַט גרויס חשק צום לערנען... אפשר דערפאַר וואָס ער איז געווען זייער אַ שיין בחורל און די מיידלעך

פלעגן אים קיין רו ניט געבן, פלעגט ער זיין כסדר פאַרטאָן מיט זיי. ער פלעגט זאָגן דעם טאַטן, אַז לערנען זאָל חיה רחל... „זי וועט מער געווינען פון דעם ווי איך״.

מיין פרומער טאַטע האָט אוודאי געוואָלט, אַז זיין זון, דער בכור, זאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער רב ביי יידן. איז אָבער צו מיין טאַטנס אַנטוישונג, שלמה נחום אויסגעוואַקסן מיט זיינע חברים אַ פּראָגרעסיווער פועלי ציוניסט — און ביים פאַך געוואָרן אַ דרוקער און שפּעטער — אַ זעצער.

געוועז איז ער נאָך גאָר אַ יונג בחורל, ווען ער איז פון דער היים אַוועקגעפאָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גראָדנע, האָט דאָרט געקראָגן אַרבעט, און האָט אויך דאָרט געפונען זיין באַשערטע. ער האָט חתונה געהאַט און זיין ליבע פרוי האָט געבוירן, אין משך פון עטלעכע יאָר, צוויי געראָטענע קינדער — אַ זון און אַ טעכטערל.

ווען זייער זון איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, און זייער טאָכטער ניין, האָט זיך דעמאָלט אָנגעפאַנגען די צווייטע וועלט מלחמה... און היטלער, ימח־שמו־וזכרו, האָט חרוב געמאַכט די שטאָט און אומגעבראַכט אַלע יידן. מיין ברודער, זיין פרוי און זייערע געראָטענע, טייערע קינדער זיינען אומגעקומען אין היטלער׳ס קרעמאַטאָריעס.

* * * *

ביי מיינע עלטערן בין איך געווען דאָס צווייטע קינד... אַ מיידל, אַ פריילעכע, אַ שטיפערקע... ליב געהאַט צו זינגען, טאַנצן... און געלערנט האָב איך זיך גוט. צו פינף יאָר האָב איך געענדיקט אַ פּריוואַטע שול, ווו אַלץ וואָס מיר האָבן געלערנט איז געווען אין דער רוסישער אונטעררייכ־שפּראַך. ביים פאַרענדיגן די שול האָב איך געקראָגן אַן אויסצייכענונג פאַר מיין גוטן דערפאָלג אין לערנען. מיין באַלוינונג איז געווען דאָס שיין אילוסטרירט בוך „ראָבינסאָן קרוסאָ״ אויף רוסיש.

פון קינדווייז אָן האָב איך געלערנט די פּאָפּולערע דעקלאַמאַציעס פון רוסישע שרייבער... דעקלאַמירט מיט חשק „באָראָדינאָ״ פון לערמאָנטאָוו. געלערנט פּושקין... זיינע ווערטער מיט טיפע געדאַנקען פלעגן עפענען ווי אַ קליין פענצטערל צו מיין יידישער נשמה. כ׳האָב געזונגען מיט געפיל און מיט ליידנשאַפט נאַדסאָנ׳ס ליבע לידער. שפּעטער האָב איך שוין געלייענט מיט דערוואַקסענעם· געדאַנק „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״ און „דער אידיאָט״ פון דאָסטאָיעווסקי׳ן.

ווען יידישע שרייבער האָב איך זיך ערשט דערוווּסט געפינענדיק גרויסע ביכער, מיט די ווערטער „דער יוד" אויף זייערע רוקנס. באַמערקט האָב איך זיי צום ערשטן מאָל אין הויז פון מיינע חבר׳טעס, די ליסעס. זייער פאָטער, אברהם ליס, איז, ווייזט אויס, געווען אַן אויפגעקלערטער ייד. ער פלעגט אין די יאָרן פון אָנהויב 1900 אויסשרייבן דעם זשורנאַל „דער יוד", וואָס פלעגט דערשיינען מאָנאַטלעך. צום סוף פון יאָר פלעגט ער עס לאָזן איינבינדן אין שווערע פעלענע טאָוולען, צוועלף אַזוינע זשורנאַלן אין אַ גרויסן בוך, מיט די דאַטעס פון יאָר אויסגעדרוקט אויף די רוקנס מיט גאָלדענע אותיות.

מיר איז באַשערט געווען דאָס אויסצוגעפינען. מיט פיל דורשט פלעג איך דאָרט לייענען שלום עליכמ׳ס מאָנאָלאָגן, פרצ׳עס אַ ליד אָדער אַ מעשה׳לע, מענדעלע׳ס „די קליאַטשע", און אויסצוגן פון „בנימין דער דריטער" פון זיינע טייערע ווערק... אויך די אַנדערע פיינע שרייבער פון יענער תקופה האָב איך געלייענט מיט אינטערעס.

און וועלכע יידישע טאָכטער קען ניט לייענען יידיש מיט קלוגע אויפגעקלערטע מליצה ווערטער פאַרבראָקט?... האָב איך זיך פאַרליבט אין יידיש בלב ונפש, ווי מ׳זאָגט. און איך האָב אָנגעהויבן פאָרצולייענען שלום עליכמ׳ס מאָנאָלאָגן אַלע פרייטיק-צונאַכט פאַר אונדזערע שכנים פונעם הויף.

געזען די הנאה וואָס מיר אַלע האָבן געהאַט פון זיין אַרט שרייבן און פון מיין לייענען, האָב איך עס שוין קיינמאָל ניט אויפגעגעבן. איך האָב געפונען אין שלום עליכמ׳ס שרייבן מיין גאַנצע וועלט, און זיך פאַרליבט אין אים אויף אייביק.

* * * *

פון מיינע דריי שוועסטער איז די עלטסטע, חיענע ריבל, געווען אַ האָרעפּאַשנע מיידל, מיט אַ געזונטן צוגאַנג צו אונדזער שטוביקער בעל-הבית׳ישקייט. נאָך מיין פאַרלאָזן סוואָלק האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ גראָדנער בחור. זיי האָבן געלעבט אין גראָדנע אַ רואיקן, געוויינלעכן לעבן... געהאַט צוויי ליבע, גוטע מיידעלעך... און זייער גורל איז געווען דער זעלבער... צום גרויסן אומגליק... ווי מיין ברודער׳ס.

מיין צווייטע שוועסטער, אַזוי שיין ווי איר נאָמען, שיינע אסתר, איז ביי מיין אָפּפאָרן קיין אמעריקע קוים זיבן יאָר אַלט געווען.

אויסגעוואָקסן איז זי ווי אַ שיינע, בליענדיקע בלום. געווען איז זי געראָטן ניט נאָר אין איר שיינער געשטאַלט, נאָר איז אויך געווען אַ פיינע לערערין אויף דער העברעישער שפּראַך אין דער סוואַלקער הויך־שול. זי איז אויך געווען אַ „ליוביטעל", אַ ליבהאָבער אין דער דאָרטיקער דראַמאַטישער געזעלשאַפט. געהייראַט האָט זי אַ סוואַלקער בחור, וועלכער איז אויך געווען אַ לערער... זיין נאָמען — דוד רובינשטיין. זיי האָבן זיך באַשיידן געלעבט, און זייער טעכטערל, מיטן ביבלישען נאָמען שולמית, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך קלוג קינד. זיי אַלע, אומגליקלעכע, זיינען אַוועק אויף קדוש השם.

מיין דריטע, אינגסטע שוועסטערל, באַשע גיטעלע, איז אַלט געווען פינף יאָר ווען איך האָב מיין היים פאַרלאָזן. זי האָט אויך חתונה געהאַט פאַר אַ בחור פון גראָדנע, אַ בוכהאַלטער ביים פאַך. זייער חתונה איז פאָרגעקומען אין אָנהויב פון היטלער'ס געוועלטיקן איבער אונדזער אָרעם יידיש פאָלק. — — — מיין מאַמע, אַלע מיינע שוועסטער, מיין ברודער מיט זייערע משפחות האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס אין אונדזער גוואַלדיק־אומבאַגרייפלעכן יידישן חורבן.

קאפיטל צוויי

איך וואקס אויף אין סוואלקי

אינעם יאָר 1914 איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה. איך בין דאַן אַלט געווען כמעט פופצן יאָר. צום באַדויערן, נאָך מיין פאַרענדיקן מיין לערנען אין די מלחמה יאָרן, האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע צייטן פאַר מיין משפחה, פאַר אַלע איינוווינערביים דייטשישן גרעניץ בכלל, און פאַר אונדז יידן בפרט. אָבער מיר יידן זיינען דאָך געוווינט צום ליידן, האָבן מיר געליטן און געשוויגן.

איך האָב זיך דערוויילע פאַרליבט אין אַ בחורל, וואָס האָט געזונגען זייער געפילפולע יידישע פאָלקסלידער, און דערצו נאָך, האָט זייער שיין געטאַנצט. און איך האָב טאַנצן און זינגען שטאַרק ליב געהאַט. און „ניט אַזוי שיקט זיך, ווי עס רעדט זיך...״ אונדזער פאַרליבעניש האָט אָנגעהאַלטן אַ יאָר דריי, ביז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און די פאָליאַקן זיינען געבליבן די יורשים פון פוילן. האָבן די פאָליאַקן ניט געוואַרט, און גענומען מאָביליזירן די יוגנט צו מיליטער. אַלע יונגע יידישע בחורים זיינען זיך צעלאָפן, ניט וועלנדיק דינען דעם פוילישן אָפּגאָט. דער בחור אין וועמען איך בין געווען אויף אַ יונג קינדערישן אופן פאַרליבט, איז אויך אַנטלאָפן פון סוואלק, ניט וועלנדיק דינען אין דער פוילישער מיליטער.

נו, בין איך געבליבן אָן אַ קנעלונג, אַזוי צו זאָגן... זיינען טעג, וואָכן און חדשים געלאָפן זייער וועג, און איך האָב געבענקט נאָך דעם פריילעכן בחור.

מיין טאַטע־מאַמע זיינען ניט געווען צופרידן פון מיין אויסוואַל אין דער ליבשאַפט צו דעם זינגענדיקן־טאַנצנדיקן בחורל וועלכער האָט ניט געוואָלט דאַוונען. אויסגעטייטשט האָט ער זיין פּראָטעסט צו פרומקייט אויף זיין גלויבן און שטייגער, וואָס ס׳איז גאָרניט געווען צום האַרצן פון מיינע פרומע עלטערן, און איך האָב פון דעם שטאַרק געליטן.

האָבן מיינע עלטערן אָנגעהויבן זוכן אַ תכלית פאַר זייער טאָכטער. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און אַ בחור וואָס האָט פאַר מיר שפּעטער דערציילט זיין סוד, אַז ער האָט שוין פון לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף מיר, אַזוי ווי אין שלום עליכמ׳ס בוך „טביה דער מילכיקער״, וואו לייזער וואָלף, דער קצב, האָט געוואָרפן אַן אויג אויף טביה׳ס טאָכטער, אויף צייטלען... דער בחור איז אָבער געווען גאָר

ערנסט, און מיינע טאַטע־מאַמע — נאָך ערנסטער. איך האָב געפילט, ווי דאָס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול... כאָטש נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, באַטראַכטנדיק וויפל מיינע עלטערן וועלן פאַרגרינגערן זייער דאמאָלסטדיק אָרעם־לעבן צוליב דעם שידוך, האָבן זיי מיר איבערגערעדט, און איך בין אַ כלה געוואָרן פאַר דעם בחור, וואָס איז געווען מיט אַ יאָר צען אָדער צוועלף עלטער פאַר מיר, און איז געווען פאַרמעגלעך. ער האָט געהאַנדלט גאָר גרויס מיט חזיר האָר.. דאָס הייסט, ער האָט געהאַט אַ היימיש פאַבריקל, וואו מ׳האָט געמאַכט בערשטלעך פון די חזיר האָר.

איך האָב קיין שייכות צו די חזיר־האָר, ווי אויך צו זייער בעל־הבית, ניט געהאַט... נאָר אַז אַ בחור וואַרפט אַן אויג אויף אַ מיידל וואָס איז אים געפעלן, איז דאָך ניט שייך צום זאָגן... און איך בין מיר געוואָרן מיט אַמאָל אַ רייכע כלה.

און איך פאָר קיין וואַרשע מיט מיין מאַמען קויפן „אויסשטייער״. זיך פאַרפּוצט אין „עסיק און אין האָניק״, נאָר איך וויל ניט הערן פון מיין פאַבריצירטן חתן.

מיינע עלטערן האָבן געזען וואָס דאָ קומט פאָר, און האָבן צו פיל גענומען ליידן פון דעם... האָב איך זיך באַטראַכט, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן... האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין מאַמעס שוועסטער און ברודער אין אַמעריקע, אין דאַלאַס, טעקסעס. מיין מאַמעס שוועסטער מיט איר פאַרצווייגטער פאַמיליע האָט שוין דאָרט געוווינט פערציק יאָר, און מיין מאַמעס ברודער מיט זיין פאַמיליע — צוואַנציק יאָר. איך דערציייל זיי מיין געשיכטע, וועגן מיין מוזן זיך אָפּפערן פאַר מיינע עלטערן און חתונה האָבן פאַר אַ בחור וואָס איך האָב ניט ליב. און איך בעט זיך ביי זיי רחמים, מיר אַראָפּצונעמען צו זיך אין אַמעריקע... און אויב ס׳איז נאָר מעגלעך, זאָלן זיי מיר ראַטעווען.

די מומע טעמע, מיין מאַמע׳ס שוועסטער, איז געווען זייער אַ גוטער מענטש און האָט דערפילט מיין ווייטיק — און אַנשטאָט קריגן פון איר אַן ענטפער אויף מיין בריוו, איז אָנגעקומען אַ גרויסער קאָנווערט מיט אַן „אפידייוויט אָוו סאַפּאָרט״ פון מיינע ביידע פעטערס און מומעס, מיט אַ שיפס־קאַרטע, און אַ באַן בילעט פון ניו־יאָרק קיין דאַלאַס, טעקסעס.

* * * *

איז ווי אַזוי שרייבט מען איצט ווייטער...
די געשיכטע פאַנגט זיך ערשט אָן.

איך האָב געדאַרפט איבערלעבן אַ שווערע שטיקל צייט, ביז איך האָב מיין חתן אָנגעזאָגט די בשורה, וועגן מיין ציען זיך צוריק פון אונדזער קומענדיקער, אויסגעפּלאַנירטער חתונה, און פון מיין באַשלוס צו פאַרלאָזן מיין היים, מיין אַלטן טאַטן, מיין פאַרזאָרגטער מאַמען, מיינע שוועסטערלעך, מיין ברודער — און געוויינטלעך, זיך געזעגענען אויך מיט אים, מיט מיין חתן... שווער געווען אים איינצורעדן, און עס האָט מיר באמת שטאַרק געקימערט, און איך האָב אים שטאַרק געבעטן, ער זאָל מיר מוחל זיין — כאָטש ער האָט שוין ביז דאַן פאַרשטאַנען מיין קאַלטע באַנעמונג צו אים.

ער האָט גערעדט צו מיינע עלטערן, זיי זאָלן ווירקן אויף מיר אויפצוגעבן אַזאַ **לייכטזיניקן געדאַנק**. ער האָט זיך אפילו געווענדט צו אַ זייער אָנגעזעענעם סוואַלקער בעל־הבית, וועלכער האָט אונדז ביידן איינגעלאַדן צו זיך, אום צו זען ווי אַזוי, מיט זיין חכמה און גרויס אויפקלערונג, קריגן מיר צוריק. דער פאַרמיטלער, אַזוי צו זאָגן, האָט ניט געוואוסט אַז מיין גאַנצע האַרץ איז שוין פאַרנומען מיט דאָס פאַרלאָזן אַלץ, וואָס איז מיר ליב און טייער. — — — דער חתן האָט אַזאַ **ניט אויסגעהאַלטענעם וואָרט** פון מיר ניט דערוואַרט. און עס איז מיר גאָר שווער געווען דורכצושטופּן די צייט, וואָס האָט גענומען ביז צום דערליידיקן צום קריגן דעם אויסלענדישן פּאַספּאָרט... שפּעטער צו קריגן די וויזע... וואָס דאָס האָט געמיינט צוויי מאָל פאָרן קיין וואַרשע... און אפילו ניט זייענדיק זיכער, צי איך וועל גאָר קריגן די וויזע...

איבערלעבן אַזאַ שווערע אומזיכערקייט איז געווען ניט גרינג. מיין לעצטע רייזע קיין וואַרשע איז געווען מיט פרייד און מיט טרערן.. און די וויזע האָב איך דווקא געקראָגן, איידער איך האָב אפילו פאַרשטאַנען, וואָס דער שנעלער שטעמפּל פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסול אויף מיינע פּאַפּירן, האָט געמיינט. קומענדיק צו זיך אין אַ פּאָר מינוט אַרום, האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט. צי זיינען דאָס געווען טרערן פון פרייד, צי פון דערמאָנען זיך, אַז איך וועל זיך דאַרפן זעגענען מיט אַלע מיינע ליבסטע?... אַרויסגייענדיק פון דעם אָפיס, מיט דעם קאָנסול׳ס שטעמפּל אויף מיינע פּאַפּירן, און מיט דער קבלה פאַר דער געוויסער איינצאָלונג, בין איך גלייך אַוועק טעלעגראַפירן אַהיים אָנצוזאָגן די גוטע בשורה.

נו... וועל איך זיך דאַרפן דאָ אָפּשטעלן אַביסל... וואָס האָב איך, קומענדיק אַהיים, אויסגעפונען? וואָס האָט זיך ביי אונדז אינדערהיים

אָפּגעטאָן ווען זיי האָבן די טעלעגראַמע דערהאַלטן?... אַנשטאָט אַ דערפרייונג, איז דאָרט געוואָרן „יום כיפור", מיט אַ געוויין פון מיין טאַטן... ער איז דעמאָלט אַלט געווען ניין־און־זיבעציק יאָר... מיין מאַמען האָט מען קוים געקענט באַרואיקן. די שוועסטערלעך האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן... און ווען איך בין אַהיים געקומען, און מיין גאַנצע משפּחה איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען מיט אומבאַשטימטער פרייד, איז מיר גאָר קאַלעמוטנע געוואָרן אויף מיין האַרצן...

איך האָב שוין כמעט חרטה געהאַט אויף מיין גאַנצן אויפטו. אָבער, מיט דער צייט האָט זיך עס עטוואָס איינגעשטילט... און איך לאָז וויסן מיינע חברים און חבר'טעס, אַז צוויי וואָכן פאַר שבועות, ד.ה. דעם 2־טן יוני, 1921, פאָרט „יאכנע דוואָסיע" טאַקע קיין אַמעריקע.

דער חתן האָט געהאָפּט, אַז איך וועל די וויזע גאָרניט קריגן... און דערוויסנדיק זיך, אַז אין אַ מאָנאַט אַרום איז דער באַשטימטער טאָג פון מיין פאָרן, פלעג איך יעדן טאָג קריגן בריוועלעך פון אים, מיר אָפּצורײדן פון דער רייזע. איין טאָג איז ער געקומען צו מיין טאַטן מיט אַ נייעס, אַז דאָרט אין טעקסעס, (אין דער דריטער אַמעריקע) ווו חיה רחל פאָרט, לעבן שוואַרצע מענטשן, „נעגערס" - און זי וועט הייראַטן פאַר אַ נעגער, אויב איר לאָזט איר אַוועקפאָרן. מיין טאַטע האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין, און האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט קריגן אַ בעסערע כלה, און וועט לעבן אַ רואיקן לעבן, ניט אַזאַ לעבן ווי חיה רחל קען אים געבן. איך געדענק מיין טאַטנס קלוגע ווערטער: „דו דאַרפסט, מוישל, דאַנקען גאָט וואָס דו ווערסט פּטור פון איר. גאָט וועט דיר צושיקן דיין באַשערטע... און ווינטש איר ניט, אַז זי זאָל חתונה האָבן פאַר אַ „נעגער". נאָכ'ן חתנ'ס פאַרלאַנג בין איך געקומען זיך זעגענען מיט אים אינעם טאָג פון מיין אָפּפאָרן.

מיר האָבן זיך געזעגנט, געוויינט, זיך צעקושט און צום סוף פאַרגעבנדיק איינע די אַנדערע, האָט ער מיר באַגלייט צו דער טיר, מיר אַרומגענומען, און געבעטן איך זאָל אים שרייבן. איך האָב צוגעזאָגט צו שרייבן, און כ'האָב געהאַלטן וואָרט. און אַ שווערע איבערלעבונג איז עס געווען...

די געלט וואָס דער חתן האָט אויסגעגעבן אויף מיין גאַרדעראָבע, האָבן מיינע פעטערס און מומעס געשיקט פון אַמעריקע, אים אָפּצוגעבן. אין דעם טאָג ווען איך בין געקומען זיך זעגענען מיט אים, האָב איך אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל געלט אויפן טיש, און ווען ער האָט

דאָס דערזען, האָט ער עס אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד.
מיין אַוועקגאַנג איז געווען מיט אַ פאַרקלעמטער האַרץ.

* * * *

דעם טאָג פאַר מיין אַוועקפאָרן האָבן מיינע חברים און חבר׳טעס צוגעגרייט אַ געזעגענונג יום טוב פאַר מיר. זיי האָבן מיר גוט אָנגע׳שיכורט און מיר זיינען אַלע אַוועק צום „סאַד אַרקאַדיאַ״, וואו אונדזער שענסטער פלאַץ צום פאַרברענגען אויף וואַסער, אויף אַ לאָדקע, איז געווען. דאָרט האָבן מיר זיך גאָר פריילעך געמאַכט. מיר האָבן געגעסן, געטרונקען, געזונגען, געשטיפט, און איבער דעם קלאָרן, סודות׳דיקן טייך, האָט הויך אָפּגעהילכט אונדזער האַרציקער געלעכטער...

מיינע פריינט האָבן פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט פאַר מיר דאָס מאָרגנדיקע געזעגענען זיך מיט מיין ליבן טאַטן, און מיט מיין האַרציקער משפּחה. דאָס פאַר׳שיכורן האָט מיך פאַרשלעפערט... די נאַכט איז אַריבער... און גאָר פרי ווערט מיין באַגאַזש פאַרפּאַקט פאַר מיר.

די באַגלייטונג צום באַן, פון אַלע מיינע חברים און גוטע פריינט, מיט מיין גאַנצער משפּחה, האָט פאַרנומען אין מיין גאַנצן וועזן דעם גרעסטן פלאַץ, און אָט אָ... די באַגלייטונג לעבט אייביק אין מיר.

פאָר איך ווידער אין וואַרשע... און פון דאָרט, אויף אַ קליין שיף, קיין דאַנציג. געקומען אין דאַנציג, אויפן וועג זיך באַקענט מיט פיל אַזוינע צעבראָכענע הערצער ווי מיינע, נאָר מיר מאַכן זיך פריילעך. און ס׳איז מיר ווידער גוט. אין דאַנציג האָבן מיר אַלע עמיגראַנטן געדאַרפט בלייבן זעקס טעג.

און אָט זיינען מיר שוין ווידער אויף אַ קליין שיף, וואָס פירט אונדז קיין לאָנדאָן. פינף טעג האָט גענומען די רייזע פון דאַנציג קיין לאָנדאָן. פאַרבראַכט אין לאָנדאָן האָבן מיר דריי טעג... געזען ווייניק וואָס פון דער גרויסער שטאָט. און אָט גרייטן מיר זיך, קוים זיך דערוואַרטנדיק, אויף דער גרויסער פּראַכטפולער שיף „אַדריאַטיק״.

די רייזע פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק האָט גענומען צוויי וואָכן. און גאָר פריילעך זיינען אַריבער די לעצטע פערצן טעג אויף דער שיף „אַדריאַטיק״. און ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין „עליס איילאַנד״ איז דער טומל געוואָרן גרויס. דאָס געזעגענען זיך מיט די נייע פריינט, דאָס פאַרזיכערן זיך צו קריגן די אַדרעסן פון די נייע צוגעקומען שיפס־

פריינט, מ׳זאָל זיך קענען איבערשרייבן... ניט צו פֿאַרלירן קאָנטאַקט איינע מיט די אַנדערע. אפילו אָט דער געדאַנק וואָס איך בין די איינציקע וואָס דאַרף אַזוי ווייט פֿאַרוואָגלט ווערן... אַזש קיין דאַלאַס, טעקסעס... האָט אָנגעוואָרפֿן אויף מיר אַ נייע בענקשאַפֿט.

צוויי טעג מיט צוויי נעכט זיך אויסגעמאַטערט, פֿאָרנדיק אויפֿן באַן. אָנגעקומען צו מיין באַשערטן פּלאַץ, דאַלאַס, טעקסעס, בין איך באַגעגנט געוואָרן פֿון מיינע קוזינס מיט קוזינעס. זיי קוקן אָן די גרינע... און ווערן גלייך אָנגעוואַרעמט צו איר. מיר ווערן זיי ליב, און איך טוליע זיך צו זיי...

מיינע פֿעטערס און מומעס, מיט זייערע פֿאַרצווייגטע משפּחות, ווייזן מיר אַרויס פֿיל ליבשאַפֿט, און האָבן גאָר אַ פֿיינע באַציִונג צו מיר.

קאפיטל דריי

מיין אַריינשפּאַן אינעם נייעם לעבן אין דאַלאַס, טעקסעס

גאַר ליבלעך און איבערגעבן איז צו מיר געווען מיין מאַמעס עלטסטע שוועסטער טעמע און אַלע אירע טעכטער (פיר זיינען זיי געווען) און אַן איין איינציקער זון, דער אינגסטער אין דער משפּחה. אַלע טעכטער זיינען שוין געווען פאַרהייראַט, און דער איינציקער זון, מיין קוזין, האָט נאָרוואָס פאַרענדיגט „האיסקול". בין איך ביי מיין מומע טעמען פאַררעכנט געוואָרן ווי איר פינפטע טאָכטער.

מיין מאַמעס אינגסטער ברודער, איזי וויל, אין אַמעריקע שוין דאמאָלט באַלד צוואנציק יאָר, איז געווען אַ געשעפטסמאַן. ער מיט אַ שותף האָבן געהאַט אַן „אילוזיאָן", (אַ קינאָמאטאָגראף), וואו מ'ווייזט באַוועגלעכע בילדער. וועגן מיין אָנקל'ס „אילוזיאָן" האָב איך שוין געוואוסט נאָך איידער איך בין אין אַמעריקע געקומען... און געהאַט האָב איך פיל אילוזיעס וועגן דעם „אילוזיאָן"... געזען האָב איך זיך שוין אין דעם קינאָ טעאַטער, ווי איך זיץ אין אַ לאָזשע... און עס גייען פאַרביי פאַרשידענע קאוואלערן, פאַצעטן, אויסגעפוצטע, מיט ווייסע קראַוואַטן, שוואַרצע גאַרניטערס, און שמייכלען פאַרבייגייענדיק מיין לאָזשע, און איך בין אין זיבעטן הימל... זיך שוין אויסגעלערנט צו זאָגן: „האַו דו יוי דו..." און איך וויל, אַז מיין חלום זאָל זיך ציען אייביק...

מיין פעטער (גערופן האָב איך אים אָנקל) איז דעם ערשטן טאָג פון מיין קומען אין דאַלאַס, גלייך געקומען צופאָרן אין זיין גרויסן אויטאָמאָביל זיך צו זען מיט מיר. געווען איז ער ליבלעך און נאָענט.

איך האָב ביי זיך געטראַכט: פאַרוואָס אַזאַ גרויסער אויטאָמאָביל? איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן, אַז זיינע קינדערלעך... פיר זין און פינף טעכטער און צוזאַמען מיט מיין אָנקל איז געווען אַ קיימא־לן פון עלף נפשות. דער עלטסטער — אַ זון פון אַ יאָר זעכצן, און דאָס יינגסטע קינד, אַן עופעלע פון אַ יאָר און אַ האַלב. פריילעך איז ביי זיי אין שטוב געווען ביז גאָר. אַלע יינגלעך און מיידלעך האָבן געשפּילט מוזיק אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן, און אַ פּיאַנאָ איז געשטאַנען אין גרויסן פּאָדערשטן צימער. קיינער איז לעבן דער פּיאַנאָ ניט געזעסן, און די פּיאַנאָ האָט געשפּילט עלעקטראָנישע מוזיק... מוזיק אַזוינע וואָס

25

כ'האָב נאָך ביז דאַן קיינמאָל ניט געהערט. בין איך געזעסן און באַוואונדערט, ניט אַזוי די מוזיק, ווי דעם גרויסן טומל וואָס עס האָט געמאַכט.

מיין טאַנטע פעני איז געווען זייער אַ ליבלעכע, געדולדיקע פרוי. זי האָט די קינדער געלאָזט הוליען, טאַנצן, שפּילן אויף טרובעס, אויף פּייפּיאָלן, אפילו קלאַפּן אין פּויקן און באַראַבאַן, אַבי זיי זאָלן איר צורו לאָזן אויף אַ ווײַלע.

מיין אָנקל האָט מיר אָפּגערופן אָן אַ זייט, און האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד... אַז ער האָט פאַר מיר אַ בחור, וואָס וואַרט אויף מיר מיט אומגעדולד... אַ בחור פון אַ פיינער משפּחה. דער בחור געהערט צו אַ גרופּע פּראָגרעסיווע יונגע לייט, צו אַן אָרגאַניזאַציע וואָס הייסט „אַרבעטער רינג", און זיי רעדן אַלע יידיש. און יידיש האָב איך אַלעמאָל ליב געהאַט... און איך האָב מיין אָנקל געענטפערט, בזה־הלשון: „אַוו איז ער, דער בחור?" מיין ענטפער איז דעם אָנקל שטאַרק געפעלן געוואָרן, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער טעלעפאָנירט צו מיין מומע טעמע'ן אַז ער קומט צו, צו נעמען חיה רחלען צו זיך אויף מיטאָג, און ער וועט איר ברענגען צוריק דעם זעלבן אָוונט.

מיין מומע טעמע'ן איז ניט געווען צום האַרצן מיר אַוועקצולאָזן פון זיך, אפילו אויף איין אָוונט. זי האָט מורא געהאַט טאָמער וועל איך וועלן דאָרטן זיין לענגער מיט די פריילעכע קינדער. האָט זי איר ברודער אָנגעזאָגט מיר באַשטימט צו ברענגען צוריק דעם זעלבן אָוונט. איך בין גראַדע געווען נייגעריק מיטצוגיין מיט מיין אָנקל צו פאַרברענגען מיט דעם צווייטן טייל פון מיין משפּחה.

האָב איך זיך אָנגעטאָן אין מיין ווייס באַטיסטענער קליידל מיט ליכטיק בלויע קראַטן, וואָס מיין מומע האָט מיר שוין אין דעם אויסגעפּוצט. און איך בין פאַרטיק צו גיין.

זיינען דערוויילע אַריינגעקומען דערבייִיקע שכנים, הויפּטזעכלעך שכנות... ד.ה. ווייבער פון דער יידישער גאַס, און האָבן מיר גוט באַטראַכט. מיינע קוזינעס האָבן צו זיי גערעדט אויף ענגליש, און איך האָב קיין ענגליש ניט געקענט... נאָר פאַרשטאַנען האָב איך, אַז זיי שטעלן מיר פאַר ווי איינע וואָס קען פיל שפּראַכן, ווי רוסיש, פּויליש, דייטש, און אפילו פראַנצויזיש... האָבן שוין די ווייבער אויף מיר געקוקט מיט דרך ארץ...

26

דערווײַלע קומט אָן מײַן אָנקל, איזי ווײַל, און איך געזעגן זיך מיט מײַן משפּחה, ווי איך וואָלט געפאָרן קײן בויבעריק. אויפן וועג זאָגט מיר מײַן אָנקל, אַז דער בחור פון וועלכן ער האָט מיר דערציילט וועט קומען צו זיי אַהיים זיך צו באַקענען מיט מיר. נו, איז ווי דערקלער איך מײַן געפיל פון באַקענען זיך מיט דעם בחור, וואָס מײַן אָנקל האַלט אים אין וואַרטן אויף מיר שוין אַ לענגערע צײַט? איז ווער עס וועט לייענען מײַן לעבנס געשיכטע וועט זיך דאַרפן אַליין אָנשטויסן...

מײַן טאַנטע פעני האָט צוגעגרייט אַ מאָלצײַט, ווי בײַ אונדז אינדערהיים. אין די מלחמה יאָרן וואָלט עס געקענט זײַן אַ חתונה מאָלצײַט. געענדיקט עסן, און אין הויז איז גרויס דער טומל. קינדער שטיפן... קינדער לאַכן... און איך ווייס ניט פון וואָס... זייער שפּראַך איז פאַר מיר פרעמד.

און אָט באַווײַזט זיך אין דער פאָדערשטער טיר אַ יונגערמאַן אין אַ העלן פאָנדזשי גאַרניטער, מיט אַ פאָנדזשי קאָליר שניפּס און העלע שיך... מיט אַן ערנסטן שמייכל אויפן פּנים. מײַן אָנקל נעמט אים אויף זייער העפלעך און פירט אים צו צו מיר, און זאָגט צו אים: דאָס איז מײַן פּלימעניצע... די קוים דערוואַרטע... פון פּוילן. און צו מיר זאָגט מײַן אָנקל: דאָס איז הערי אַנדרעס... זײַט באַקאַנט. און איך בעט דעם בחור זיך אַנידערזעצן אַנטקעגן מיר. איך באַטראַכט דעם בחור, און זאָג ווי צו זיך: דער בחור רעדט זייער אַ גוטן יידיש, און עס געפעלט מיר זײַן אַקצענט.

קײן אַנדערע מעלות האָב איך דערווײַלע ניט געזוכט.

דער טומל אין הויז פון די קינדער איז געוואָרן גרעסער, און דער בחור איז געוואָרן אומגעדולדיק... און ער פרעגט מיר זייער איידל אויב איך וואָלט געוואָלט נעמען אַ שפּאַציר מיט אים אין זײַן אויטאָמאָביל.

האָב איך זיך אַנטשולדיקט און בין אַרײַן צו מײַן טאַנטע אין קיך, און איר געפרעגט צי זי וועט מיטפאָרן מיט דעם בחור וואָס בעט מיר צו נעמען מיט אים אַ שפּאַציר. מײַן טאַנטע קוקט מיר אָן פאַרוווּנדערט און ענטפערט מיר — „אַז אין אַמעריקע לאָדט אַ בחור אײַן אַ מיידל מיט אים צו פאָרן שפּאַצירן, איז ניט שיין אַז עמיצער אַנדערש זאָל מיטפאָרן."

איך בין געווען ניט צופרידן פון איר ענטפער, און זי האָט באַמערקט אַז איך פאַרשטיי ניט די אַמעריקאַנער מאָדע... האָט זי מיר פאַרזיכערט, אַז „דעם בחור קען דײַן אָנקל אַ לאַנגע צײַט, און דו קענסט מיט אים מיטפאָרן אויף אַ שפּאַציר."

27

בין איך צוגעקומען צו דעם בחור און אים געזאָגט וואָס מיין טאַנטע האָט מיר דערקלערט, ווען איך האָב איר געפרעגט צי זי וועט מיטפאָרן. האָט דער בחור זיך פאַרטראַכט, און באַדאַנקט מיין טאַנטע פאַר איר גוטער דערקלערונג.

איך האָב זיך דערפילט ניט אינגאַנצן אַנגענעם, אָבער כ׳בין שוין זיכער געווען, אַז איך קען גיין מיט אים שפּאַצירן אין זיין אויטאָמאָביל. אונדזער געשפּרעך האָט זיך פאַרנומען וועגן דעם לעבן אין פוילן... ד.ה. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה.

ער האָט גערעדט זייער באַוווסטזיניק וועגן דער לאַגע אין אייראָפּע. זיין שפּראַך איז געווען אַ ריינע, אָן אַנגליציזמען. ער האָט מיר דערציילט וועגן דער אָרגאַניזאַציע צו וועלכער ער באַלאַנגט, און אַז זיי פירן זייערע מיטינגען אויף יידיש. דאָס איז מיר שוין געפעלן געוואָרן. אונדזער שפּאַציר האָט געדויערט אַ גאַנצן אָוונט. דערנאָך האָט ער מיר געפירט צוריק אַהיים צו מיין מומע טעמע׳ן.

איך האָב אים באַדאַנקט פאַר דעם פיינעם שפּאַציר, און ער פרעגט מיר צי קען ער מיר טעלעפאָנירן מאָרגן. מיין ענטפער: פאַרוואָס ניט? אדרבא. און ער פירט מיר צו צום גאַניקל און — „אַ גוטע נאַכט״.

מיין טאַנטע האָט אויף מיר געוואַרט, און מיר אויסגעפרעגט וואָס מיין אָנקל וויל האָבן פון מיר, אַזוי שנעל נאָך מיין קומען אין אַמעריקע? נאָך אירע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי וויל ניט איך זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט עמיצן. איך האָב די נאַכט זיך גאַנץ רואיק געשלאָפן, און פון דעם בחור ניט געטראַכט.

נאָך דעם אָוונט האָט דער בחור מיר טעלעפאָנירט אַלע טאָג... געוואָלט מיר אַרויסנעמען... מיר באַקענען מיט אַ קלאַס מענטשן, וואָס רעדן מיין שפּראַך, און וואָס פאַראינטערעסירן זיך מיט דער יידישער קולטור, יידישע מוזיק, און מיט יידישע פּראָבלעמען אין אַלגעמיין.

האָבן מיר טעגלעך גערעדט טעלעפאָניש, און רעדן אויפן טעלעפאָן האָבן מיר אין רוסיש, ווייל די גאַנצע משפּחה איז געשטאַנען נאָענט צום טעלעפאָן צו הערן וואָס איך רעד. אָבער רוסיש האָבן זיי דאָך ניט פאַרשטאַנען. קיין סודות האָבן מיר ניט געהאַט, נאָר ס׳איז געווען ניט אַנגענעם, דאָס קאַרעדל ביים טעלעפאָן.

דערווײַלע האָב איך ניט געוואָלט אָננעמען קיינע אָפּטע צוזאַמענקונפטן מיט דעם בחור. ערשטנס, ווייל ווען דער בחור פלעגט צוקומען צום גערטנדל פון הויז, פלעגן אַלע מיינע קוזינעס דאַמאָלסט

זיצן אויף דער שוועל, אָדער אויף דעם גראָז פונעם קליינעם גאָרטן לעבן די טרעפּ פונעם הויז, און דער בחור פלעגט דאַרפן כמעט אַריבערשפּרייזן איבער זיי. צו קליין־שטעטלדיק איז דאָס געווען, אפילו פאַר מיר. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מיר דער בחור באַקענט מיט זיינע נאָענטסטע פריינט, מיט וועמען איך בין געווען צופרידן זיך צו באַקענען. און אַן אַנדער וועלט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט.

און דערווייַלע שרייב איך בריוו צו מיינע עלטערן און שוועסטערלעך פול מיט בענקשאַפט, און איך דערקלער זיי ווי גוט די משפחה איז צו מיר.

די פאַמיליע האָט מיר באַקאַנט געמאַכט מיט זייער אַ פיינע חבר׳טע, וועלכע נעמט מיר אַלע פאַרנאַכט אויף שפּאַציר אין אַ נאָענטן שפּאַציר־גאָרטן, ווו מוזיק שפּילט, און יונגע ייִנגלעך און מיידלעך זיינען פריילעך, און די מיידלעך אַלע מיט פאַרמאַלעוועטע פּנימער, און די האָר פאַרפלאָכטן און פאַרדרייט אויף די אויערן — אַפּנים זיי זאָלן ניט הערן דעם גרויסן טומל. און אַלע מיידלעך זעען אויס ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט... און זיי ריידן זייער שפּראַך אזוי שנעל, אַז מיר דוכט זיך איך וועל זיך קיינמאָל ניט קענען אויסלערנען רעדן אויף דער שפּראַך — אַ שפּראַך וואו מ׳מוז אַרויסשטעלן די צונג ביים אַרויסרעדן געוויסע ווערטער.

אַ זייער איידעלע יונגע מיידל גיט מיר לעקציעס אין ענגליש. זי זאָגט אויף מיר, אַז איך קען די שפּראַך, נאָר איך מאַך זיך ניט ווויסנדיק... ווייל לייענען קען איך עס, אָבער איך פאַרשטיי ניט אַ וואָרט... און איך וויל פאַר קיין פאַל ניט אַרויסריידן אַ וואָרט פון מויל. די ווערטער קלינגען צו מיר אַזוינע לאַנגע. צום ביישפּיל: מיין אָנקל, סעם טאַבאַלאָווסקי, אין זיינע געשפּרעכן, גיט זייער אָפּט אַ זאָג אַזאַ לאַנגן וואָרט — „אַלטעליורייטנאַו״. פרעג איך מיין אָנקל וואָס מיינט דאָס וואָרט „אַלטעליורייטנאַו״? זאָגט ער, ער פאַרשטייט ניט וואָס איך זאָג, און אַז ער ווייס גאָרניט פון אַזאַ וואָרט... און מיטאַמאָל גיט ער אַ זאָג אַרויס דאָס לאַנגע וואָרט, און איך שטעל אים אָפּ, און זאָג: אָנקל! אָט האָט איר דאָך דאָס וואָרט „אַלטעליורייטנאַו״ אַרויסגעזאָגט... האָט מיין אָנקל שוין געטראַכט, אַז איך בין אַביסל „נישט־דאַיק״, ניט פאַר קיינעם געדאַכט...

מיט דער צייט האָב איך זיך צוגעוווינט צו דער אַרומיקייט. און מיין באַקאַנטער בחור האָט גאָר אינגיכן גענומען רעדן קלאָרע דיבורים. זיין רעדן און איידעלע באַנעמונג איז מיר שטאַרק געפעלן

געוועזן. אין דריי מאָנאַטן נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפט איז ער איינמאָל געקומען מיט אַ פּנים פול מיט דרייסט אין זיין בליק, און האָט מיר דערלאַנגט אַ קליינע קעסטעלע, און געבעטן איך זאָל עס עפענען. עפענענדיק דאָס קעסטעלע האָט מיין האַרץ געקלאַפּט מיט דער אומדערוואַרטער געשעעניש. עס האָט אַ בלישטשע געטאָן אַ גלאַנץ אין מיינע אויגן ווי מיט טויזנט פייערלעך... האָב איך גלייך דאָס קעסטעלע פאַרמאַכט, און אים פאַרווונדערט אָנגעקוקט, און אים געבעטן, אַז ער זאָל דאָס צוריקנעמען... אַז איך דאַרף ניט אַזאַ גרויסאַרטיקן דימענט.

נאָך עטלעכע מינוט שטילשווייגן האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל צעקושט און דערפילט אונדזער באַשערטקייט. פאַר דעם אָוונט האָבן הערשל'ס נאָענטע פריינט פאַר אונדז צוגעגרייט זייער אַ שיינע אויפנאַמע, אויף וועלכער איך האָב זיך גאָר ניט געריכט.

ביי דעם שיינעם צוגעגרייטן מאָלצייט האָט הערשל מיר געבעטן אָנצוטאָן דאָס רינגעלע, אַז זיינע פריינט זאָלן דערפילן זיין גליק. „מיר איז גוט אָן דעם רינג," האָב איך אים געזאָגט. ער האָט עס אָבער אויף שנעל אויף מיין פינגער אָנגעטאָן... וואָס פאַר אַ שיינע, איידעלע פאַרקנסונג!...

געקומען צו מיין טאַנטע אַהיים, און זי שלאָפט נאָך ניט.. זי וואַרט אויף מיר. איך בין צו איר צוגעלאָפן, געוויזן דאָס בלישטשעדיק פינגערל... האָט זי מיר אַרומגעכאַפּט און גענומען מיר קושן און וויינען. „חיה רחלע! דיין טאַטע־מאַמע האָבן דאָ געדאַרפט איצט זיין, און זען זייער טאָכטער אַזוי גליקלעך!" מיין מומע טעמע איז גליקלעך געוועזן, און האָט געזאָגט: „דער בחור איז דיך ווערט! חיה רחל, איך ווינטש דיר אייביק גליק".

שווער איז געוועזן איינצושלאָפן די נאַכט.

באַלד אויף מאָרגן, באַגינען, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען מיינע קוזינעס... מיך אויפגעוועקט, און גענומען באַטראַכטן דאָס פינגערל אויף מיין האַנט. גליקלעך זיינען זיי אַלע געוועזן. האָב איך ערשט דאַן גענומען פאַרשטיין מיין גרויס גליק. זיי האָבן אַלע הערשלען געלויבט — און מיר איז געוועזן אַזוי גוט! און מיט־אַמאָל האָב איך זיך צעוויינט... אַ געוויין פון גרויס אינערליך גליק... גענומען ערשט באַגרייפן וואָס מיט מיר האָט פאַסירט...

אָט באַלד וועל איך שרייבן אַהיים אַ גליקלעכן בריוו... אַן איבעראַשנדיקע בשורה: איך בין אַ כלה געוואָרן! און איך בין גליקלעך!...

קאפיטל פיר

איך האָב חתונה, און ווער א מאמע

האָב איך, הייסט עס, דערציילט פון מיין פאַרקנסט ווערן צו מיין ליבן לעבנס־באַגלייטער, הערשל אַנדרעס.

אונדזער חתונה איז פאָרגעקומען אין דעם נייעם פראַכטפולן בנין „פּאַרק וויו קלוב" דעם 8־טן יאַנואר, 1922. מיין משפחה אין דאַלאַס האָט אונדזער חתונה יום טוב באַשיינט מיט אַ גרויסן עולם פון אַלע צדדים־מחותנים. נאָענטע פריינט און פיל יוגנטלעכע געסט האָבן געטאַנצט צו דער מוזיק פון די חתונה כלי־זמרים. איך, די כלה, האָב כמעט קיינעם פון די איינגעלאַדענע געסט ניט געקענט.

די באַגריסונגען פון די אַלע געהויבענע געסט האָבן אויף מיר געלאָזן אַ טיף־האַרציקן איינדרוק... אַן איינדרוק וואָס וואָלט געדאַרפט ברענגען צו טרערן פון פרייד... אָבער ווי איך האָב צוגעזאָגט הערשלען ניט צו פאַרגיסן אַ טרער ביי דער חופה, האָב איך מיין טיפע פרייד און מיין פיינלעכע טרער פאַרהאַלטן טיף אין זיך. מיין מומע טעמע האָט אויך מורא געהאַט אַז איך וועל זיך צעוויינען, ניט האָבנדיק מיינע טאַטע־מאַמע, מיינע שוועסטערלעך און ברודער צו מיין פריידיק־גליקלעכער חתונה.

דער קבלת פנים און דער גרויסאַרטיקער יום טוב מאָלצייט פון היימישע געפילטע פיש, געבראָטענע קאַטשקעס און הינער מיט געפילטע העלדזלעך, אייגענע געבאַקטע לעקעכער, שטרודל און אַלערליי פאַרבריהטע געבאַקטע געבעקסן און די אַלע שנאַפּסן און וויינען האָבן דעם יום טוב דערהויבן צו דער העכסטער הויך.

מיין חתן, הערשל אנדרעס, איז שוין געווען אַן אמעריקאַנער בירגער. ווען איך האָב מיט אים חתונה געהאַט בין איך אויטאָמאַטיש געוואָרן אַן אמעריקאַנער בירגער, לויט די געזעצן פון יענער צייט.

דאַלאַס איז אינעם יאָר 1922 געווען אַ שטאָט מיט אַרום הונדערט טויזנט איינוואוינער. יידן, אומבאַשריען, האָבן מיט זייערע פאַרצווייגטע משפחות צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דער דאַמאָלסטדיקער דאַלאַסער באַפעלקערונג, און איך האָב זיך שנעל איינגעלעבט אין דער פריינטלעכער אַטמאָספערע.

מיין שווער און שוויגער

מיין שווער און שוויגער זיינען געקומען צו זייערע קינדער אין אַמעריקע אומגעפער אינעם יאָר 1907. געלעבט האָבן זיי אַלע צוזאַמען, און אין גרויס אחדות.

מיין שווער, רב יעקב ליב אנדרעס, אַ רבי פול מיט אמונה און פרומען גלויבן פאַרן יידישן קיום, האָט זיין צייט פאַרבראַכט אין לערנען תורה און אין צוגרייטן דאמאָלסטדיקע יונגע תלמידים צו זייערע בר מצוות. פון בת מצוות האָט מען נאָך דאַמאָלסט ניט געוווּסט.

אויסגעוואָקסן האָבן אָטאָ די יידישע בחורים ווי ערנסטע פירער אין שטאָט ענינים, געשעפטס־מענטשן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן, בויער... יעדער נאָך זיין באַנעם.

געהייראַט האָבן דאַמאָלסט סיי די בחורים, סיי די מיידלעך, מיט זייערע צוגעפּאַסטע — גלייכע שדוכים, געוויינטלעך לויטן יידישן דין. פון געמישטע הייראַטן האָט מען דאַן צווישן יידן ניט געהערט. אויב עס האָט זיך געטראָפן אַזאַ פאַל, איז עס געווען אויפגענומען ווי די גרעסטע צעשטערונג אין דער משפחה.

יידן האָבן זיך דווקא געלעבט צווישן אַמעריקאַנער קריסטן בכבוד. די טעקסעסער קריסטן־בירגער פונעם לאַנד, האָבן אַרויסגעוויזן גרויס אַנערקענונג צו די יידן וואָס האָבן באַלעבט די טעקסעס אַרומיקייט מיט נייע אויפגעקומענע פלענער פון ציוויליזאַציע, פון פאָרש־אַרבעט, און אויף פאַרשידענע געביטן פון קולטור און נייער אויפלעבונג.

יידן וואָס האָבן שוין געלעבט אין טעקסעס אַ גאַנצן יאָרהונדערט זיינען שוין געוווינט צו רעדן אויף דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך פון פאָלק אין ענגליש... פיל פון זיי האָבן שוין אפילו פאַרגעסן, אַז יידן, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט, רעדן נאָך אויף יידיש ווי אין דער אַלטער היים.

די אַלטע היים איז דאָך שוין פאַרוויסט און פאַרשוווּנדן... האָט זיך ביי אָט די יידן אַנטוויקלט אַ געפיל, אַז יידיש רעדן נאָר די „גרינע", אַריבערגעקומענע, און צו פיל כבוד האָט מען פון די אַזוי־צו־זאָגן יידן פון אַ גאַנץ יאָר, ניט געקענט דערוואַרטן...

איך האָב זיך ביסלעכווייז גענומען לערנען ענגליש. לייענען האָב איך געקענט, נאָר פאַרשטאַנען האָב איך ניט אַ וואָרט. אויף די פּאָליצעס פון אונדזער שפּייז־קרעמל האָב איך זיך געלערנט מיין ביסל ענגליש... ביז כ'האָב אָנגעהויבן אַרויסרעדן גאַנצע זאַצן.

* * * *

הערשל׳ס עלטסטער ברודער, מאיר, מיט זיין פרוי חיה, זיינען געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פון איסאַקן מיט אניוטען, מיט דעם קליינעם עלף־יאָריקן ברודער, אברהם (אייבי), דער שפּעטערדיקער דר. אברהם אַנדרוס פון ברוקלין, ניו יאָרק.

מאיר איז געווען אַ גוטער שניידער פון דערהיים אין פּעאָדאָסיע, קרים, און זיין ליבע פרוי, חיה, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע בעל־הביתטע. זייערע דריי קינדער — אַ זון, עליק, אַ טאָכטער, דינע, און אַ קליינע מיידעלע, שרה, האָבן געוווינט עטלעכע הייזער לעבן אונדזער וווינונג. די גאַנצע אַנדרעס פאַמיליע האָבן געלעבט אין גרויס אחדות און משפּחה׳דיקער נאָענטשאַפט.

אַלע אונדזערע קינדער זיינען געווען דערצויגן, קען מען זאָגן, אויף דעם אייראָפּעיִשן שטייגער... ד.ה. מען האָט זיי געלערנט צו לעבן מיט אַלע מענטשן אין כבוד און אַכטונג פאַר דאָס ערלעך־מענטשלעכע. מיט די אַלע מידות האָט די משפּחה אַנדרעס געקראָגן דעם צוטרוי און ליבשאַפט פון די אַרומיקע שכנים.

אונדזער וווינונג איז געווען איינס לעבן דאָס אַנדערע מיט אונדזער שפּייז־קרעמל. געווען איז עס אַ שותפות׳דיקע קרעמל מיט זיין עלטערן ברודער איסאַק און זיין פרוי אניוטא.

דאָס איז געווען אַ קליינע הילצערנע געביידע אויפן ראָג פון אַ פאַרבייפאָר־גאַס, ווו דער מיטן גאַס איז ניט געווען ברוקירט אָדער געפלאַסטערט, און אַ „סטריט קאַר" איז פאַרבייגעפאָרן אונדזער קראָם. די זאַמדיקע שטויב איז געווען אומדערטרעגלעך און געבראַכט האָט דאָס קרעמל, ווי מ׳זאָגט, וואַסער אויף קאַשע פאַר ביידע משפּחות. אָבער ווער האָט געדאַרפט האָבן מער?...

די הויז, אַ צוויי גאָרנדיקע, האָט געהערט צו־טאַטע־מאַמען... ד.ה. צו מיין שווער און שוויגער און צו די צוויי ברידער, איסאַקן און הערשלען. דער אינגסטער ברודער, אברהם (אייבי) האָט שוין דעמאָלט שטודירט מעדיצין. געאַרבעט האָט אייבי ווו נאָר ס׳האָט זיך געמאַכט... געווען ניט אויסקלייבעריש, אַבי נאָר קענען ווייטער אָנגיין מיט זיין שטודירן. ס׳איז ניט גרינג געווען פאַר אים אויסצושטודירן די שווערע, אָנגעשטרענגטע לערע... אָפּצוגעבן עקזאַמענס און צו אַרבעטן אין די אָוונטן אין וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. אין יאָר 1924 האָט ער געענדיקט דאָקטאָר מעדיצין, געקראָגן זיין „אינטערנשיפּ" אין ברוקלין האָספּיטאַל, ווו ער האָט באַגעגנט די קראַנקן־שוועסטער (נוירס), בעס שײַבער, און זיי האָבן געהייראַט. געלעבט האָט ער זיין שפּעטערדיקן לעבן מיט זיין פרוי און צוויי פיינע קינדער, אַ ייִנגל און אַ מיידל, אין ברוקלין, ניו יאָרק.

* * * *

דעם 13־טן יוני, 1923, ווען אונדזער ערשטער זון, (דער בכור) איז געבוירן געוואָרן, בין איך דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר, און הערשל כמעט 36. איך האָב זיך גענומען אַרומזען וואָס עס מיינט ווערן אַ מאַמע פון אַ זון... זיך גענומען לערנען ווי אַרומצוגיין מיט אַ קינד, אַן עופעלע. און אַ שרייער, אַ גרויסער, איז ער געווען (זאָל גאָט שומר און מציל זיין)... ניט געלאָזט אונדז שלאָפן... און הערשל האָט געדאַרפט אויפשטיין פרי, עפענען די קראָם. קונים האָבן שוין געקלאַפּט אין טיר און הערשל איז נאָרוואָס איינגעשלאָפן. דער זייגער שלאָגט שוין זעקס... און שווער פאַר אים זיך אויפצוכאַפּן... און דער שרייערל שרייט שוין ווידער... און איך שפּאַציר שוין מיט אים איבער דער לענג פון דער שטוב.

באַזאָרגט דאָס עופעלע מיט זיינע באַדערפענישן און איך איל זיך שוין אַרונטערצולויפן אין קראָם, העלפן וויפל כ׳האָב געקענט פאַרגרינגערן די אַרבעט פאַר הערשלען.

ניט גרינג געווען איז דאָס אַמאָליקע לעבן, אָבער יונג איז מען געווען... קיין דאגה וועגן חיונה איז ניט געווען. געדאַרפט האָט מען ווייניק. מען האָט זיך באַנוגנט מיט אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט דעמאָלט געפאָדערט... נאָר קיין צייט איז ניט געווען צום לייענען, זיך צו לערנען די שפּראַך פונעם לאַנד... מען איז געווען פאַרטאָן אין טאָג־טעגלעכן יאָך. אָבער די צייט שטייט דאָך ניט אויף איין אָרט... דאָס עופעלע, ראובן, איז געראָטן. ער האָט אויפגעהערט אַזוי צו שרייען און מ׳קען אָטעמען גרינגער... און אָט קומט שוין אָן דאָס צווייטע קינד.

* * * *

דעם 24־טן אפּריל, 1925 איז מיט מזל געבוירן געוואָרן אונדזער צווייטער זון... זיין נאָמען — בערל... דוב, אויף העברעיש. מיר איז ניט געפעלן געוואָרן דער נאָמען, בערל, דערפאַר וואָס איך האָב אַזוי ווי גלייך דערהערט דער צונאָמען... „בערל־שמערל״... האָב איך באַטראַכט אַז מיר וועלן אים רופן דוב, אויף העברעיש... און אַ קינד רופט מען דאָך ניט דוב, איז צום פאַרציען אויף אַ ליבן־קינדערשן אופן, זיין נאָמען געבליבן דייוו... אויף יידיש — ליבלעך — דייוועלע.

געווען איז דייוועלע אַ רואיקער, ניט קיין שרייער... און דאָס לעבן איז אָנגעגאַנגען נאָרמאַל. די קינדער זיינען זיך געוואָקסן, געגעבן פיל נחת פאַר טאַטע־מאַמען און באָבע־זיידן, ווי אויך פאַר די פעטערס און מומעס.

דער עלטערער זון, ראובן, איז שוין געוואָרן אַ „פּאַרדינער"... יעדן פרימאָרגן פלעגט ער זיך אויסלערנען פון דער מאַמען אַ יידיש לידעלע, ווי צום ביישפּיל, לאה קאַפּילאָוויטשעס „דעם זיידנס טאַבאַק פּושקע" און „אַז איר גייט ווען פאַרביי שאַרלאָט גאַס נומער דריי" און אַנדערע לידעלעך. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער שוין אַ באַרוועסער אַרונטערגעלאָפן מיט שמחה צו דעקלאַמירן דאָס לידעלע וואָס ער האָט זיך נאָרוואָס אויסגעלערנט. און זיין טאַנטע אַניוטא פלעגט ווערן באַגייסטערט און אים געבן אַ פּעני פאַר יעדן ליד.

ראובנ׳ס פרייד איז געווען ניט אָפּצושאַצן... ער פלעגט זיך קוים דערוואַרטן צום באַגינען, ווען די מאַמע קען זיך שוין אָפּגעבן מיט אים... די לידעלעך פלעגן פליסן פון זיין מויל ווי קרישטאָל וואַסער... קלאָר און דייטלעך... און די פּעניס האָבן אָנגעפילט דאָס פּושקעלע וואָס איז געשטאַנען אין קיך אויף דעם הילצערנעם אייז־קאַסטן. ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר פינף, און איז פאַררעכנט געוואָרן אין דער משפּחה, ווי ער וואָלט שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור.

קאַפּיטל פינף

איך האָב ליב יידיש

מיין שווער און שוויגער האָבן געפייערט זייער גאָלדענע חתונה אין 1925. די שוויגער, נחמה פייגע, האָט געלעבט אַ קורצע צייט נאָכדעם. זי איז געווען ביים שוואַכן געזונט עטלעכע יאָר. געווען איז זי קלוג און פרום, און האָט פאַרנומען גאָר אַ געהויבענעם פּלאַץ אין דער משפחה.

מיין שווער איז געבליבן אַליין אין זייער אונטערשטער וווינונג פון דער צוויי גאָרנדיקער הויז. מיין שוועגערין, אניוטא, און איך זיינען געווען זייער נאָענט און פריינטלעך מיט אונדזער שווער. מיר האָבן געזען, אַז ער זאָל לעבן באַקוועם אויף זיין שטייגער אין זיין עלטער. מיין שווער האָט געוואוסט ווי צו לעבן און ווי אַכטונג צו געבן אויף זיין געזונט.

ער איז געווען געבענטשט מיט אַ גוטן נאָמען, מיט פיל גוטע פריינט, וועלכע פלעגן קומען צו אים זיך אַביסל דורכשמועסן. איך פלעג זיך אָפט צוהערן צו זייערע געשפּרעכן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן הויפּטזעכלעך מיט יידישע ענינים, מיטן וועלטבאַנעם און אויך מיט דער לאַגע און פּאָליטיק אין ארץ ישראל.

עס פלעגן קומען צו אים משולחים פון פאַרשידענע שטעט. **זיי האָבן אַלע געהאַט זיין אַדרעס.** ער פלעגט קיינעם ניט אַרויסלאָזן מיט ליידיקן. איינער פון די משולחים, וואָס האָט דאָרט גענעכטיגט, איז אינדערפרי נעלם געוואָרן... מיט מיין שווער'ס אַ פּאָר נייע שיך, און איבערגעלאָזט האָט ער זיינע צעריסענע שיך. ער האָט אויך מיטגענומען מיט זיך אַ פלאַש בראָנפן, וואָס מיין שווער פלעגט אַמאָל מכבד זיין זיינע פריינט... געווען איז דאָס אין דער צייט פון „פּראָהיבישאָן"... אָט די שיינע מעשה האָבן מיר וויפל מאָל געהערט איבערדערציילנדיק... נאָר צווישן אונדזער משפחה.

געלעבט האָט מיין שווער ביז דעם הויכן עלטער פון 92 יאָר. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט גיין מיט אַ שטעקן פאַר אַן אָנשפּאַר, ווײַלע דאָס — פלעגט ער זאָגן — ציט שוין גאָר אַרויף אויף אַ מענטשן די עלטער... אָבער קעגן דער עלטער קען מען קיין חכם ניט זיין. מיין שווער איז ביסלעכווייז פאַרעלטערט געוואָרן... איז איינמאָל געפאַלן... צעבראָכן אַ פוס, און איז שוין געלעגן אין בעט צען חדשים. דאָס ביסל

געזונט האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעשעפּט, אפילו מיט גוטער באַזאָרגונג... און דער טייערער, ליבער ייד, רב יעקב ליב אנדרעס איז מיט כבוד און גרויס באַדויערונג אַוועק אין זיין רו אינעם יאָר 1944, אין מאָנאַט דעצעמבער.

* * * *

איך וויל דערקלערן ווי אַזוי איך האָב, מיט מיין עקשנות, אָפּגעהיט די יידישע שפּראַך מיינע אַלע 59 יאָר אין דאַלאַס טעקסעס... פאַר יידיש האָב איך געקעמפט. מיין יידיש לשון האָב איך קיינמאָל ניט אויפגעגעבן.

הערשל האָט געהערט צום אַרבעטער רינג... געדינט געטריי זיין אָרגאַניזאַציע, זייער ברענטש 234 א.ר. איז באַשטאַנען פון אומגעפער עטלעכע און פערציק מיטגלידער, און אפשר מער. איך געדענק ניט גענוי, דערפאַר וואָס איך בין שוין דאַן אָנגעקומען צו אַלעם פאַרטיקן און צופיל צייט ניט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט אָרגאַניזאַציע אַרבעט.

ווען די אַרבעט פאַר אַן אַרבעטער רינג קינדער שול האָט זיך אָנגעהויבן אין 1926, דעמאָלט האָב איך זיך אָנגעשלאָסן מיט גרויס באַגייסטערונג פאַר דער באַוועגונג. געהאָדעוועט האָב איך שוין דאַן אונדזער ערשטן זון, דעם בכור, ראובן, אַ תלמיד פאַר דער געבענטשטער אַרבעטער רינג קינדער שול. די ערשטע זאַך איז געווען צו זען ווי צו שאַפן געלט און אָנצוהויבן בויען אַ בנין וואָס זאָל דינען פאַר אַלע צוועקן... פאַרן ברענטש, פאַר אַ קינדער שול... ד.ה. פאַר די קינדער פון אַרבעטער רינג מיטגלידער. אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג...

אָבער אַז ס'איז דאָ דער ווילן, קען מען אַלץ דערגרייכן... און מיט פיל מי, אַזוי צו זאָגן, איז אין יאָר 1926 אויפגעבויט געוואָרן דער אַרבעטער רינג לייסעאום, און די אַרבעט פאַר אונדזער אויסגעַחלומ'טער קינדער שול איז אַוועק אין פולן גאַנג...

אונדזער ערשטער לערער, חבר קענדזשערסקי, איז געווען פאַר אונדז ווי געשיקט פון הימל. ער האָט געהאָלפן איינאָרדענען דעם קלאַסצימער... אָנגעוויזן דעם צוגאַנג, ווי צו קריגן די קינדער פאַר דער שול... און די קינדער־שול האָט זיך געעפנט גאָר אינגיכן, מיט 43 קינדער — די קינדער פון עלטערן וואָס האָבן באַלאַנגט צום אַרבעטער רינג.

מיר פלעגן, אין יענע יאָרן, אויסשרייבן פון ניו־יאָרק יערלעכע קאָנצערטן פון די בעסטע טאַלאַנטן אויף דער יידישער בינע, און אויך

גאַנץ אָפּט קריגן פון ניו־יאָרק אַ לעקטאָר, אַ פּאָעט, אַ רעדנער... וואָס פלעגט אויפלעבן די אָרגאַניזאַציע.

די פרויען פון אַרבעטער רינג מיטגלידער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ מוטערס קלוב. איך בין דערווײַלט געוואָרן פּאָרשטייער פון דער שול פאַרוואַלטונג צו אונדזער גאָר יונגן, טעטיקן מוטערס קלוב, וועלכער האָט באַזאָרגט צו ברענגען די קינדער אין שול פינף מאָל אַ וואָך, וואַרטן אויף זיי... און אין אַ שעה אַרום ברענגען זיי צוריק אַהיים.

די שטאָט דאַלאַס האָט אויפגעלעבט קולטורעל אויף יידיש. אונדזערע קאָנצערטן האָבן צוגעצויגן גרעסערע שיכטן יידן, וועלכע האָבן פריער ניט געוואוסט פון אַן אויפגעלעבט „יידיש" טעטיקייט אין אַמעריקע. גוט און וווּל איז אונדז געווען מיט דער אויפלעבונג פון דער באַוועגונג, מיט אונדזער דערפרייענדיקער קינדער שול.

און די שול איז געוואָקסן. מיט דעם אָנקום, מיט צוויי יאָר שפּעטער, פון חבר לאַזאַרסאָן, אונדזער צווייטער געהויבענער יונגער לערער, האָבן שוין 60 קינדער פאַרפולט דעם צעשפּרייטן קלאַסצימער.

זיינען יאָרן געגאַנגען... אויסגעהאָדעוועט תלמידים, גראַדואירטע, וואָס האָבן שוין אַליין צוזאַמענגעשטעלט, מיט זייערע באַגאַבטע חברים, שיינע געהויבענע קאָנצערטן פון יידישע פאָלקס לידער, רעציטאַציעס, יידישע טענץ, שלום עליכם אָוונטן, א.א.וו.

טאַטעס און מאַמעס האָבן געשעפּט נחת פון זייערע קינדערלעך... ביז, אין אָנהויב פון די דרייסיקער שרעקלעכע קריזיס יאָרן, ווען ס׳איז געוואָרן צו שווער אָנצוהאַלטן דעם יאָך פון אויסהאַלטן די קאָלאָסאַלע אויסגאַבן פון גרויסע פאָדערונגען פאַר דעם לייסעאום און פאַר דער קינדער שול. דאַן האָט זיך געענדיקט חבר לאַזאַרסאָנ׳ס צוויי יאָריקער טערמין.

ניט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן וואָס די צייט האָט מיטגעבראַכט, און אַז די עלטערן פון די אַרבעטער רינג תלמידים האָבן מער ניט געקענט צאָלן שכר לימוד, האָבן פיל פון די מיטגלידער, מיט זייער עקשנות און טיפן אחריות, אַליין געצאָלט שכר לימוד פאַר די יעניקע קינדער וואָס זיינען אַריין אין יענער קאַטעגאָריע, און מיט גרויס באַפרידיקונג דערמאָן איך דעם פאַל נאָר צוליב דעם... אַ טראַכט טוענדיק וואָס פאַראַ טייערע, גוטע יידן מיר פאַרמאָגן... מענטשן וואָס האַלטן נאָך איצט אויף מיט ליבשאַפט און גרויס איבערגעבנקייט אונדזער יידיש לשון.

אונדזער שול האָט נאָך אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר, ווען עס איז אָנגעקומען פון ניו־יאָרק דאָס יונגע פּאָר פאָלק, דער לערער, חבר

לעפקאָוויטש, מיט זיין באַגאַבטער, טאַלאַנטירטער פרוי.ביידע איבערגעבענע לערערס האָבן אַריינגעבראַכט ניי לעבן אין דער שול... ווי אויך פרייד... צו די מיטגלידער פון אַרבעטער רינג.

אין דער זעלבער צערודערטער צייט, איז געווען אין דאַלאַס דער מוזיקער, פּראָפעסאָר פּייביש... אַ גלענצנדיקער פּיאַניסט, אַ פּנים־חדשות, און האָט, ווייזט אויס, אויסגעפּלאַנעוועט מיט דער שול פאַרוואַלטונג אַ נייעס: צו אָרגאַניזירן אַ מאַנדאָלין אָרקעסטער פאַר די קינדער פון דער אַרבעטער רינג שול. ניט לאַנג זיך גע׳ישובט און גלייך אָנגעשלאָסן די קינדער מיט מוזיקאַלישן טאַלאַנט אין דעם מאַנדאָלין אָרקעסטער. נאָר די צייט פון פאַרערגערטן קריזיס איז ניט געשטאַנען אויף איין אָרט... און קיינע אָנשטרענגונגען האָבן ניט געהאָלפן אויפצוהאַלטן די שווערע, לאַנג־יאָריקע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון דערציען אונדזערע קינדער אין אַ וועלט, אַ בעסערע, אַ מער גערעכטע, אויף אונדזער יידיש לשון, און אַריינצולעבן זיך אין אונדזער פאָלקס געשיכטע, איינצופלאַנצן אין אונדזערע יונגע קינדער־הערצער אַ ליבשאַפט צו אונדזער יידיש פאָלק און אונדזער קיום.

מיר האָבן מיט ווייטיק אין אונדזערע הערצער געמוזט אויפגעבן אונדזער שטאָלץ... פאַרלירן דעם בנין, די שול, דעם מאַנדאָלין אָרקעסטער און אַלץ מיטאַנאַנדער... אין יענעם שרעקלעכן קריזיס יאָר, אין 1934.

אָבער די וועלט גייט אָן... און אונדזערע וואַקסנדיקע קינדער לערנען זיך גוט אין די שטאָטישע שולן. אונדזער האָפענונג איז גרויס, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט ווען מיר וועלן צוריק אויפבויען דאָס וואָס מיר האָבן ניט דערגרייכט ביז איצט... איז ווי זאָגט זיך דאָס ווערטל? „אַ מענטש טראַכט — און גאָט לאַכט״... אָבער קעמפן מוז מען. די וועלט גייט ניט אונטער...

אונדזער דריטער זון, נחום, אונדזער מיזיניק, איז געבוירן געוואָרן אין דעם קריזיס יאָר פון 1931, דעם 9־טן סעפּטעמבער. דער גרויסער קריזיס, וואָס איז געווען אַזאַ גרויסע טראַגעדיע פאַר מיליאָנען אַמעריקאַנער, האָט אונדז פערזענלעך כמעט נישט אָנגערירט. מיר זענען געווען פון די גליקלעכע, אַזוי צו זאָגן... נחומ׳קע איז געווען אַ ליבלעך, גוט קינד, מיט אַ שמייכל וואָס האָט צו אים צוגעצויגן די גאַנצע אַנדרעס פאַמיליע. ווען נחום איז געווען אַן עופעלע, פלעג איך אים באַזאָרגן מיט אַלע זיינע באַדערפענישן, דערנאָך פלעג איך אַרונטערלויפן אין קרעמל צו העלפן הערשלען. איך פלעג אויך נעמען

באַשטעלונגען (אָרדערס) אויפן טעלעפאָן, ביי אונדז אין שלאָף־צימער, און דערנאָך אַרונטערלויפן זיי אויסצופילן און כ׳פלעג זיי אַליין צושטעלן אין אונדזער קליינעם לאַסט־וואָגן (,,טראָק״).

איסאַק, הערשל׳ס עלטערער ברודער, מיט זיין פרוי אניוטא, זיינען געווען געבענטשט מיט צוויי גאָר, גאָר געראָטענע זין. ביידע זיינען אויסגעוואָקסן דאָקטוירים און פאַרנעמען אַ געהויבענעם פלאַץ אין דער מעדיצינישער וועלט.

די צוויי זין, ברוך, דער עלטערער, און דוד, דער אינגערער, מיט זייערע עלטערן, איסאַק און אניוטא, הערשל און איך, און מיין שווער און שוויגער האָבן אַלע געלעבט אין דער צוויי־שטאָקיקער גרויסער הויז און אויסגעהאָדעוועט אַלע אונדזערע קינדער מיט גוטע מעלות, דווקא אין אַ געגנט פון קלאַסן געמישטע איינוווינער... ווייסע, שוואַרצע און פיל מעקסיקאַנער.

אונדזער חיונה, דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט, איז געקומען פון אונדזערע אַרומיקע שכנים, קונדן, מיט וועמען אונדזערע באַציאונגען זיינען געווען אַנגענעמע... פריינטלעכע...

אונדזערע קינדער פלעגן זיך חברן מיט די באָרוועסע קינדער פון דעם געגנט. ניט געוואוסט האָבן אונדזערע קינדער פון אויסקלייבן חברים מיט וועמען צו שפילן ,,באָל״, אויף די גרינע לאָנקעס אָדער בערגלעך אין דער רחבות׳דיקער טעקסעסער אַרומיקייט.

* * * *

נחום איז געוואָקסן אַ פריילעכער, און געשפילט זיך מיט די קינדער אין אונדזער נאָכבאַרשאַפט... ער האָט זיך אָנגעפאַנגען לערנען אינעם יאָר 1937... געענדיקט די שטאָטישע עלעמענטאַרע שול, און איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן אויף דער שווערער קראַנקהייט, ,,טאַיפויד פיווער״ (טיפוס). מען האָט אים געדאַרפט נעמען אין שפּיטאָל. ערנסט קראַנק איז ער געווען און עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט אים צוריקצושטעלן אויף די פיס.

אין דער דאַלאַסער פיינער הויך שול, אין דעם נייעם געגנט ווו מיר האָבן שוין דאַן געלעבט, האָט נחום פאַרענדיקט זיין שטודיום אין דער דאָרטיקער ,,האַי סקול״.

און נחום איז געווען צופרידן מער ניט פאָרצוזעצן זיין לערנען. איז ער ביז היינטיקן טאָג פריילעך... לעבט זאָרגלאָז און טוט פיל וואָלונטיר אַרבעט מיט עלטערע מענטשן און אויך מיט אָרימע, קראַנקע קינדער.

ער איז אַ מיטגליד פון דער „דאַלאַסער עמוירדזשענסי קאָר״ שוין פיל יאָר. עס זעט אויס, ווי ער איז געבוירן געוואָרן זיך צו לערנען פון מענטשן און ניט פון ביכער. ער האָט ליב ספּאָרט, געדענקט און קען דערציילן פון אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אין דער וועלט פון ספּאָרט. ער אַרבעט און וווינט צוזאַמען מיט מיר אין אונדזער באַקוועמער הויז אויף 6439 דעלאָוטש אין דאַלאַס, טעקסעס.

* * * *

אין 1937, צוויי יאָר פאַר דער לעצטער וועלט מלחמה, האָב איך דערהאַלטן די נייעס אַז מיין פאָטער, וועלכער האָט דערלעבט דעם טיפן עלטער פון 98 יאָר, איז אַוועק אין דער אייביקייט. מיין איינציקע טרייסט איז געווען וואָס מיין טאַטע איז געקומען צו קבר־ישראל, און האָט ניט דערלעבט צו זיין נאָך איין אומ׳ברחמנות׳דיק קרבן פון אונדזער אומגליקלעך־אומגעקומענעם יידישן פאָלק.

* * *

אונדזערע געשעפטן האָבן זיך פאַרגרעסערט און דאָס קליינע הילצערנע געביידע פאַר אונדזער קרעמל איז אין עטלעכע יאָר אַרום אַרונטערגענומען געוואָרן כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַ נייעם פיינעם מויער, אַ בנין וואָס איז געווען גרויס גענוג פאַר דריי גרויסע, אָפּגעטיילטע קראָמען.

מיט דער צייט האָבן זיך די צוויי ברידער, איסאַק און הערשל, צעגאַנגען אין דעם שותפות און האבן אָנגעהויבן די געשעפטן יעדערער אויף זיין געשעפטס־באַגריף.

ביידע ברידער האָבן געפירט די געשעפטן לויט זייערע אייגענע באַגריפן, און זיי זיינען ביידע געווען דערפאָלגרייך. איסאַק מיט אַניוטען אין זייער נייעם קראָם האָבן געקראָגן אַ וווינונג נאָענט צו זייער געשעפט און האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דער אַלטער היים... און מיר זיינען געבליבן ביים געשעפט אויף פּוירל סטריט, נומער 1919־1927.

* * * *

41

קאפיטל זעקס

די צווייטע וועלט מלחמה און נאך דעם

וועגן מיין עלטסטן זון, ראובנען איז דאָ פיל צו דערציילן. ער איז געווען אַ קינד וואָס האָט אַלץ אין זיך אַריינגעאָטעמט און עס אויך אויסנווייניק גלייך דערציילט... מיט חכמה און מיט גרויס פאַרשטענדיקונג. זיינע ערשטע יאָרן אין דער „פּאָבליק סקול" האָט ער לאַנגווייליק פאַרבראַכט. ער פלעגט כסדר ווערן אַריבערגעזעצט אין אַ העכערן קלאַס.

פון דער שטאָטישער הויך־שול האָט ער גראַדואירט צו פופצן יאָר, אין 1939, מיט דער אויסצייכענונג פון „סאַלוטעטאָריען", און אַ סקאָלערשיפּ.

אין סאטהערן מעטאָדיסט אוניווערסיטעט אין דאַלאַס האָט ער שטודירט צוויי יאָר און אין 1941 איז ער אַריין אין בעילאָר קאָלעדזש פאָר מעדיצין.

אין דער צייט פון דער גרויזאַמער צווייטער וועלט מלחמה, שטודירנדיק מעדיצין אין סאַוטוועסטערן מעדיקל קאָלעדזש אין דאַלאַס, טעקסעס, האָט ער געדינט אין דער אַרמיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פונעם יאָר 1943... ווו ער האָט פאַרענדיקט מעדיצין אינעם יאָר 1944.

אין 1945 האָט ער אָנגעהויבן זיין „אינטוירנשיפּ" אין דער גאַלינדזשער מיוניסיפּאַל האָספּיטאַל אין וואַשינגטאָן, די.סי. און פאַרענדיקט זיינע מיליטערישע פליכטן אין 1947.

ער איז געווען אין קאָרעא כמעט צוויי יאָר, און קומענדיק צוריק אַהיים, האָט ער געקראָגן דעם פּאָסטן פון „אַסיסטענט רעזידענט אין אינטוירנאַל מעדיסין" אין דעם שפּיטאָל פון דער וועטעראַנען אַדמיניסטראַציע אין מעקיני, טעקסעס, וואָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיט סאַוטוועסטערן מעדיקל קאָלעדזש.

אין 1948 האָט ראובן געהייראַט זיין געליבטע, אַמיליאַ מאַרטין קריסטאָל, און זיי זיינען געבענטשט געוואָרן מיט פיר געראָטענע קינדער — אַ טאָכטער מיט דריי זין.

אין 1950 האָט ער געקראָגן דעם כבוד פון „ריסוירטש פעלאָו" ביי דעם דזשאַנס האָפּקינס אוניווערסיטעט, וואו ער איז געוואָרן געהילף פּראָפעסאָר אין 1955.

ראובן האָט שפּעטער געקראָגן פיל אויסצייכענונגען אין זיין פאַרש־אַרבעט און איז באַקרוינט געוואָרן מיטן טיטול פון פּראָפעסאָר פון דזשאנס האפּקינס אוניווערסיטעט אין מעדיצין. זיין ספּעציאַליטעט איז שוין פון פיל יאָרן ,,דירעקטאָר פון דער געריאַנטאַלאָדזשי דעפּאַרטמענט" אין באַלטימאָר, מערילענד.

צווישן פיל אַנערקענטע אויסצייכענונגען איז זיין איצטיקער כבוד — פּרעזידענט פון דער,,געריאַנטאָלאָדזשיקאַל סאָסייעטי".

* * * *

און אונדזער זון, דייוועלע, וואַקסט אונטער, איז אַ יונג מיט ביינער, העלפט אַרויס אין געשעפט און אונדזערע קונדן רופן אים ,,דייוועלע". ליב האָט דייוועלע באַקומען די קראָם (שוין דעמאָלסט אין דעם נייעם בנין), מיט אַלע אונדזערע קונים... אַזוי אַז זיין אינטערעס איז פאַרבליבן אין געשעפט.

צו אַכצן יאָר האָט ער געענדיקט ,,האי־סקול" און שוין געקראָגן זיין באַשטעלונג אָנצוהויבן זיין שטודיום פאַר ,,דענטעסטרי"... אָבער ער האָט זיך גלייך, אין דער שרעקלעכער מלחמה אַרויסרוף, אָנגעשלאָסן אין דער ,,נייווי" אינעם יאָר 1943. געווען איז ער דעם 6־טן יוני, 1944 אויף אַן ,,על־עס־טי" אין דעם ערשטן גרויזאַמען פייער... אין דעם שרעקלעכן פאַרמעסט אין דער שלאַכט פון נאָרמאנדי. גליקלעכערהייט איז דייוועלע געבליבן צווישן די לעבעדיקע...

אוי ווי שווער ס'איז געווען פאַר אונדז אַלע איינטיילנעמענדיקע, די לאַנגע, אומרואיקע מלחמה־יאָרן דורכצושטופּן!...

נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען אין דאַלאַס און האָט גראַדואירט פון סאוטהערן מעטאָדיסט אוניווערסיטעט אין געשעפט אַדמיניסטראַציע (ביזנעס).

* * * *

עס שווימט אויף אין זכרון אַ קליינער אינצידענט וואָס האָט פּאַסירט אין דער צייט פון די מלחמה יאָרן, וועגן וועלכן מ'קען זיך יעצט גוט אויסלאַכן... אָבער ס'איז דאַן גאָרנישט געווען צום לאַכן... עס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער ,,רעישאָנינג" פון עסנוואַרג אין דער צייט פון די מלחמה־יאָרן. די רעגירונג האָט דאַן אַרויסגעגעבן ביכלעך מיט מאַרקעס, וואָס מ'האָט גערופן ,,עי" און ,,בי" מאַרקעס כדי זיכער צו מאַכן אַז אַלע זאָלן קריגן אַזעלכע פּראָדוקטן ווי פלייש, צוקער, ,,געזאָלין", א.ד.ג. אין דער זעלבער מאָס... ווייל צוליב דער מלחמה

האָבן די פּראָדוקטן אויסגעפּעלט... צום סוף פון יעדער וואָך פלעגן הערשל און איך, (אַזוי ווי דייוו איז געווען אין דער „נייווי״) זיך אונטערנעמען אויסצוסאָרטירן און איבערציילן טויזנטער פון די קליינטשינקע שטיקלעך פּאַפּיר. דאָס פלעגן מיר טאָן אין דעם אייבערשטן עטאזש פון אונדזער היים.

זומער צייט, ווי ס׳איז גוט באַקאַנט, קענען די היצן ווערן אומדערטראָגבאַר. פלעגן מיר, אין אַזעלכע טעג, אָנשטעלן די עלעקטרישע „פען״ כדי העלפן די היץ איבערטראָגן. און איין אָוונט, האָט דער ווינט פון דער „פען״ געבאַפּט אונדזערע אויסגעסאָרטירטע מארקעס — וואָס האָט אונדז אַזוי לאַנג גענומען אויסצוסאָרטירן — די פּרוכט פון אונדזער מי און פּראצע — און עס צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע ווינקלעך פון דעם צימער... איבער דעם דיל, און אונטער אַלערליי שטיקלעך מעבל. עס האָט אונדז דערנאָך גענומען שעהען און שעהען אויסצוזוכן און צוזאַמענקלייבן אָט די טויזנטער קליינטשינקע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס זיינען דעמאָלסט געווען אַזוי וויכטיק פאַר אונדז. אָן זיי וואָלט עס ניט מעגלעך געווען צו באַקומען די נויטיקע פּראָדוקטן, פון וועלכע עס זיינען געווען אַ קנאַפּער זאפּאס, כדי ווייטער צו קענען זיי פאַרקויפן.

* * * *

איך דערמאַן זיך אַלץ פון צייטן אַמאָליקע... אומגעפער אינעם ווינטער פון יאָר 1947, ווען דער פריערדיקער וויצע פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, הענרי וואלאס, איז געווען אין דאַלאַס אויף אַ ספּעציעלער גרויסער פאַרזאַמלונג. די צייט דאַמאָלסט איז אויך געווען אַ צערודערטע... אַ קעמפערישע...

מיטגלידער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אַרבעטער אָרדן און סימפּאַטיקער פון דעם אַרבעטער רינג האָבן זייער געוואָלט אויפנעמען דעם פריערדיקן וויצע פּרעזידענט, הענרי וואלאס, וועלכער איז געווען סימפּאַטיש צו דער יונגער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. אין די יאָרן פון „מעקאַרטיזם״ איז געווען כמעט אַ העלדישקייט פון הערשלען, ווי אויך פון מיר, אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג אויפצונעמען הענרי וואלאסן ביי אונדז אין הויז, וואו שוואַרצע זיינען אויך געווען איינגעלאַדן... צו אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט. אין דרויסן האָבן פּאָליציי באַוואַכט די הויז.

דעם זעלבן גאַנצן טאָג איז אונדזער הויז געווען אָפן פאַר וועמען נאָר עס וויל אַריינקומען און באַגריסן און טרינקען אַ לחיים, מיט גוטע ווונטשן לכבוד הענרי וואלאס׳ן.

יונגע, שטאָלצע, קעמפערישע יאָרן זיינען זיי געווען... און גוט איז זיך אויף אייביק וועגן דעם צו דערמאָנען.

* * * *

איך וויל איצט באַשרייבן דעם פעריאָד 1948־1949, ווען אַ צאָל לעבן־געבליבענע רעשטלעך יידישע פליכטלינגען פון פוילן — דערשלאָגענע, אָרימע, גע׳רודפ׳טע — האָבן אָנגעהויבן זיך איינוואַנדערן קיין אַמעריקע. די דאַלאַסער יידישע פעדעראַציע האָט אַריינגענומען הונדערטער יידישע פאַמיליעס... זיי אויפגענומען, דערוואַרעמט, באַזאָרגט וואו מ׳האָט נאָר געקענט מיט אַ דירה, מיט קליידער, און מיט אַנדערע דרינגענדיקע באַדערפענישן... און מיט אַרבעט.

פריילעך איז ניט געווען פאַר זיי.. אָבער ליידן ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אויסגעלערנט נאָך אין דעם שוידערלעכן חורבן אויף אונדזער יידיש פאָלק אויף יענער זייט ים...

מיט דער צייט האָבן זיי זיך ווי עס איז איינגעלעבט און מערסטע פון זיי זיינען היינט בעל הביתים פון אייגענעם היימען, אויטאָמאָבילן... און לעבן זיך אַזוי גוט ווי מערסטע יידן אין דאַלאַס, טעקסעס.

איך בין אין יענע יאָרן געווען אַ וואָלונטיר... זיי געפירט, באַזאָרגט מיט אַרבעט... געזען זיי זאָלן זיך דערוואַרעמען אַרום אונדז... און כ׳בין פאַר פינף און צוואַנציק יאָר געווען מיט זיי, געוווּסט פון זייערע איבערלעבונגען, און די גאַנצע צייט האָב איך געהאָפּט אויסצוגעפינען אַ שפּור פון **מיינע אַלע פאַרלוירענע, זיבעצן פון מיין נאָענטסער משפּחה.**

ניט גרינג געווען איז דאָס אַריבערצולעבן... און ביז היינטיקן טאָג איז שווער צו פאַרליידן דעם צער פון פאַרטיליקטע, אומשולדיקע — מיין אָרימע מאַמע, שוועסטערלעך, ברודער, מיט אַלע זייערע ליבסטע. אַ גרויל גייט דורך אַלע מיינע גלידער...

* * *

אין די זעלבע יאָרן האָב איך אָפּגעגעבן מיין צייט פאַר די עלטערע מענטשן וואָס האָבן געלעבט אין „גאָלדען אייקערס״, די היים פאַר זקנים און קראַנקע.

זעכצן יאָר האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט זיי. איין מאָל אין מאָנאַט פלעג איך געבן אַ מאָנאָלאָג פון שלום עליכם, אָדער אַ ליד. איך פלעג מיט זיי זינגען אַ פאָלקס־ליד... דערציילן אַ גוטן יידישן וויץ... און אויך לאָזן זיי דערציילן אַ שפּאַס...

איך פלעג זיי אויפטשוכען און מיר פלעגן גרויס הנאה האָבן פון אַ ביסעלע צוגענגלעכע קולטור, וואָס פלעגט זיי דערמאָנען אָן דעם לעבן פון דער אַלטער היים.

צופרידנשטעלנדיקע יאָרן זיינען זיי געווען אויך פאַר מיר, און פאַר מיין הערשלען...

* * * *

אינעם יאָר 1952, ווען הערשל און איך זיינען געווען אויף אַ וויזיט אין ניו יאָרק, ביי זיין ברודער אייב און זיין פרוי, בעס... איז הערשל פלוצלונג קראַנק געוואָרן מיט אַן אַטאַקע פון „קאָראָנערי־טהראָמבאָזיס". זייענדיק אין זיין ברודער׳ס הויז, איז געווען דאָס גליק וואָס אייב האָט אים געגעבן שנעלע הילף און אים געראַטעוועט. אייב האָט גלייך געקראָגן זיין בעסטן פריינט, דר. וויינשטיין, דעם באַרימטן האַרץ ספּעציאַליסט, און האָט גלייך געלאָזט וויסן ראובנען וועגן זיין פאָטער׳ס ערנסטער קראַנקהייט. און ראובן איז גלייך געקומען צופליען און, געמאַכט אַלע באַשטעלונגען אים צו פירן קיין באַלטימאָר צו דעם דזשאַנס־האָפּקינס שפּיטאָל, ווו ראובן האָט געטאָן פּאָרש־אַרבעט.

מיט אַן אַמבולאַנס זיינען מיר אַלע דריי אַוועקגעפאָרן גלייך צו דזשאַנס האָפּקינס שפּיטאָל... אַ שטרעקע פון צוויי הונדערט מייל. דאָרט האָט הערשל געקראָגן די שנעלסטע הילף און האָט זיך ביסלעכווייז גענומען בעסערן. זעקס וואָכן איז ער געלעגן אין שפּיטאָל, און ראובן האָט אים אַהיימגעבראַכט, נאָך די זעקס וואָכן, נאָך גאָר אַ שוואַכן. גאָר אַ שווערער פּעריאָד געווען אין אונדזער לעבן.

קומענדיג אַהיים האָט דר. ראָטשילד, אונדזער גוטער פאַמיליען פריינט, איבערגענומען הערשלען אונטער זיין אויפזיכט. הערשל האָט זיך געבעסערט. ער האָט אָבער ניט געטאָרט גיין אויף טרעפּ. און מיר האָבן געמוזט פאַרקויפן אונדזער טייערע היים, ווייל אַלע דריי שלאָפצימערן זיינען געווען אויפן צווייטן עטאַזש.

האָבן מיר געקויפט אַן איין־שטאָקיקע הויז, אינעם נייעם געגנט, וואו מיר וואוינען שוין זיבן־און־צוואַנציק יאָר.

אַלע פערצן יאָר שפּעטער, נאָך זיין ערשטער שווערער אַטאַקע, איז הערשל געווען געזונט, און געהאַלטן אין קראָם. דייוועלע איז שוין דאָן, גליקלעכערהייט, אַהיימגעקומען פון דער „נייווי", האָט איבערגענומען די קראָם... און ער האָט נאָך אין דער זעלבער צייט געדאַרפט שטודירן זיין נייעם שטודיום „געשעפט־אַדמיניסטראַציע."

נאָך פיר יאָר שווערער אַרבעט אין קאַלעדזש, און אין קראָם, האָט דייוועלע פאַרענדיקט דאָס לערנען, און האָט זיך פאַרנומען זייער פלייסיק אין אונדזער געשעפט. געווען איז ער באַליבט און דערפאָלגרייך. האָט ער געזוכט און געפונען זיין באַשערטע, און אין יאָר 1956 האָט ער געהייראַט זיין געליבטע, רוט ראָזענבערג, פון מילוואָקי, וויסקאָנסין. זיי האָבן אונדז באַגליקט מיט פיר טייערע אייניקלעך... צוויי זין מיט צוויי טעכטער.

הערשל האָט דערלעבט דעם נחת פון זען און קענען אַלע אונדזערע אַכט אייניקלעך... פיר פון ראובן מיט זיין ליבער אמיליע׳ן, צוזאַמען מיט פיל נחת פון יעדן איינעם פון די פיר קינדער פון דייוו און רוט׳ן.

נאָך אַ דריטער אַטאַקע איז הערשל שוין אַוועק אין דער אייביקייט, דעם 15־טן אויגוסט, 1966. גאָר, גאָר שווער איז געווען אים צו פאַרלירן.

* * * *

איך וויל דאָ אַביסל צוגעבן וועגן הערשל׳ס באַליבטן ברודער „אייבי" — דר. אברהם אנדריוס. איך וועל זיך ניט פאַרנעמען צו דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע, נאָר, אין קורצן: דער ליבער מענטש האָט געלעבט פון 1899 ביז 1967... אַ טייערער, האַרציקער מענטש און אַן אויסגעצייכנטער דאָקטאָר. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך זיין פרוי, בעס, און זיין טאָכטער, דאַן נאָך ניט פאַרהייראַט, אַ גלענצנדיקע פראַקטיק מיט אומגעהויער פיל, פיל גוטע פריינט. זיין זון איז שוין געווען אַ געהילף־פּראָפעסאָר אין יעיל אוניווערסיטעט און איז אויך געווען פיין געלערנט אין מוזיק. ער איז ליידער אַוועק פון דער וועלט צו 24 יאָר, אַ קרבן פון „האדזשקינס דיזיס"...

די טראַגעדיע האָט פאַרקירצט דעם פאָטער׳ס לעבן... שוין אָפּגערעדט וואָס דער אומגליק האָט געטאָן צו דער פאַרליטענער מאַמען... די גאַנצע משפחה איז געווען דערשיטערט און צעבראָכן פון דער גרויזאַמער אומבאַגרייפלעכער טראַגעדיע. אייב׳ס טאָכטער, דאַלי, האָט געהייראַט מיט אַ צייט שפּעטער און האָט צוויי גראַטענע קינדער.

* * * *

קאפיטל זיבן

מיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט

ווען די יינגלעך זיינען אונטערגעוואָקסן, און האָבן געקענט אַרויסהעלפן זייער פאָטער אין קראָם, האָב איך געהאַט אַביסל מער צייט פאַר זיך, און איך האָב זיך ווידעראַמאָל צוגעכאַפּט צו לייענען. ווי איך האָב פריער דערמאָנט, איז הערשל געווען אַקטיוו אין דעם אַרבעטער רינג. איך האָב זיך געגערט פון דעם חודשלעכן זשורנאַל „די צוקונפט״ און ביז היינט צו טאָג באַקום איך דעם זשורנאַל... ווי אויך „זאַמלונגען״ און פילע אַנדערע יידישע צייטשריפטן.

איך וויל שרייבן פון די פיל יאָרן (שוין זייענדיק אין אַמעריקע) ווען איך האָב גענומען לייענען שלום אש׳ן. שלום אש האָט מיר אינגאַנצן פאַראינטריגירט. די ערשטע צוויי ביכער פון וועלכע כ׳האָב אָנגעפאַנגען זיינען געווען: „מערי״ און „דער וועג צו זיך״. איך האָב געשלונגען... און זיך געלערנט פון זיין אַרט שרייבן, הויפּטזעכלעך פון דער נאַטור... ווי מיט ליבט צעצונדן. איך וועל זיך מודה זיין, אַז איך האָב געלייענט זיינע ביכער ווי „דאָס שטעטל״ און „רב שלמה נגיד״ און שפּעטער „יהושוע הנוצרי״, און ניט מיט איין שפּרונג, האָב איך געלייענט און געלערנט זיין „איסט ריווער״. פון אַלע די שלום אש ביכער האָב איך מיין איינפלוס און מיין נייגער געקראָגן צו דער יידישער שפּראַך.

איך האָב געלייענט אין דער יידישער איבערזעצונג „די מוטער״ פון מאַקסים גאָרקי; דזשעק לאָנדאָנ׳ס „דער אייזערנער קנאפל״, און אויך לעוו טאָלסטאָי׳ס „איוואן איליטש״ און „תחית המיתים״ (אויך אין דער יידישער איבערזעצונג).

מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט שלום שטערנ׳ס העברער פּאָעטישער דיכטונג, ווי מיט זיין בוך „אין קאַנאַדאַ״ אין די דריי טיילן, און אים געשריבן פון דעם גענוס וואָס איך קריג אַרויס פון זיינע ווערק, האָב איך געקראָגן ענטפערס מיט גוטע באַמערקונגען וועגן מיין יידיש שרייבן... און ווען איך האָב אים צוגעשיקט עטלעכע פון מיינע לידער, און דווקא געדענק איך איינע פון יענע לידער, און דאָס איז „וואָלט איך מיר אַ ליד געזונגען״ — איז זיין ענטפער צו מיר געווען גאָר אַ געהויבענער. איז דאָס פאַר מיר געווען דער אָנהויב פון מיין ווייטערדיקן פאַרזעץ צום שרייבן.

האָב איך געשריבן... און געשיקט מיינע לידער צו שלום שטערן. דער רעזולטאַט איז געווען פאַר מיר אַזאַ, אַז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער... — ניט אַזוי שיקט זיך ווי עס רעדט זיך... האָב איך אַרויסגעגעבן איין בוך לידער, מיטן נאָמען „מיין טאַטנס ירושה״.

האָבן זיך מיינע לידער אָנגעהויבן דרוקן אין „וואָכנבלאַט״ אין טאָראָנטאָ, שפּעטער אין „זאַמלונגען״... און ווען כ׳בין אין 1968 געווען צום ערשטן מאָל אין ישראל, האָבן זיך געדרוקט מיינע לידער אין דער „יידישער צייטונג״ אין תל אביב. עטלעכע יאָר האָב איך זיך געדרוקט אין דער „יידישער צייטונג״ ביז זייער רעדאַקטאָר, ישראל חדש, איז פלוצלונג אַוועק אין דער אייביקייט.

צו מיין ערשטן באַזוך אין ישראל אין 1968 האָב איך זיך באַקענט מיט אַ סוּוואלקער פון מיין שטאָט... אונדזער סוואַלקער אַלטן רב׳ס אַ זון, וועלכער איז גאָר פּאַראינטערעסירט געוואָרן אין מיין אַרט שרייבן. ישראל מגנצה איז פון די עלטערע לערער. געקומען איז ער פון סוואלק קיין ישראל אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן. ער איז פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין עברית.

ער האָט געזוכט און געפונען, אין פתח־תקוה, אַן אויסערגעוויינלעכע איבערזעצערין פון יידיש אין עברית, פאַר מיינע לידער. איר נאָמען — אסתר זאמעצקי. אויך זי און איר מאַן חיים זיינען סוואלקער, און אונדזער פריינטלעכע קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אָנגעהויבן אינעם יאָר 1969.

אויך אסתר האָט ליב באַקומען מיינע פאָלקסטימלעכע לידער און האָט זיי כמעט אַלע איבערזעצט אין משך פון אַ יאָר צייט.

אין 1970 בין איך געפלויגן ווידער קיין ישראל — און אַ גאָר אַנגענעמער יאָר איז עס געווען. מיין בוך האָט זיך געדרוקט אין תל אביב אין 1972, אינעם פאַרלאַג „המנרה״, אין דעם אָריגינעלן יידיש און אין דער פּראַכטפולער איבערזעצונג אין עברית פון אסתר זאמעצקי. איז דער יאָר 1972 געווען איינע פון די גליקלעכסטע יאָרן אין מיין לעבן. איך האָב געהאַט נאָך גליקלעכע יאָרן אין מיין לעבן, ווי מיין צוזאַמענלעבן מיט דעם ליבן, איידעלן מענטשן, הערשל, פאַר גליקלעכע פיר־און־פערציק יאָר. גאָר שווער געווען אים צו פאַרלירן.

מיט אַ פינף יאָר שפּעטער, דורך אַ גליקלעכן צופאַל, האָב איך צוגעשיקט מיין נייעם ליד, „ניט מער, ניט מער״ צו מיין נייעם, אינגאַנצן אומבאַקאַנטן איבערזעצער, יודל קאָהען אין ניו־יאָרק. בעלא גאָלדווירט, די פיינע אַנערקענטע שרייבערין האָט מיר יודלען רעקאָמענדירט, און אַ דאַנק אַ גרויסן קומט איר אויך דערפאַר.

דער ערשטער אַרויספּאַר, ווי מ׳זאָגט, איז געווען מיין אויבן־דערמאָנטער ליד, דורך מיר אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַן אומגעלומפּערטן טעות... מיין ליד, פון וועלכן איך רייד איצט, איז געווען געשריבן אויף דריי זייטן... און געמאַכט האָב איך, ווי געווייגלעך, קאָפּיעס פון אַלע דריי זייטן... און צעדרייט האָב איך די יוצרות און צוגעשיקט צו מיין אומבאַקאַנטן יודלען, וועלכער האָט געדאַרפט זיין מיין ענגלישער איבערזעצער, צוויי קאָפּיעס פון זייט נומער איינס. ווען איך האָב דערהאַלטן דאָס ערשטע בריוועלע פון יודלען, האָב איך ניט געוווּסט ווּ מיינע אויגן אַהינצוטאָן... זיך געשעמט פאַר מיין אומגעלומפּערטקייט און ניט געוווּסט ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון דער פאַרלעגנהייט... אָבער אין זיין גאָר איידעלן בריוו, האָט יודל געשריבן אַז ער קען פאַרשטיין ווי אַזוי דער טעות האָט געמוזט פּאַסירן... און אַז אים איז אינטערעסאַנט צו זען דעם סוף פון אָט־אָ דעם ליד. נו, נו... האָב איך זיך פאַר׳בריה׳ט און אים געענטפערט... פאַרשטייט זיך מיט די אַלע פּרטים פון אַנטשולדיקונג און פאַרענטפערונג...

יודל האָט שפּעטער געפונען גרויס אינטערעס און געפיל צו מיינע פיל אָנגעווייטיקטע לידער, ווי אויך צו מיינע פאַרשידענע אַנדערע לידער... און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן מיינע לידער צו יודלען... און זיינע פיינע איבערזעצונגען אין ענגליש צו מיר.

צוויי יאָר צייט האָבן יודל און דזשאַנעטביילין קאָהען׳ס איבערזעצונגען דערגרייכט צו מיר מיט אויסערגעווייגלעכער פּינקטלעכקייט... סיי אין דער איבערזעצונג און סיי אין דעם פיינעם אויסגעאַרבעטן אויסשטעל און ריינעם, געניטן אָפּדרוק אויף דער מאַשין.

דער פיינער, צוויי־שפּראַכיקער בוך איז דערשינען אין ניו־יאָרק אינעם יאָר 1979 — „פאַר וועמען זינג איך מיינע לידער.״

דער בוך האָט געקראָגן פיל לויב געזאַנגען אויף אַלע געביטן. און איך, מיט מיינעביידע איבערגעבענע מיטאַרבעטער אַרבעטן איצט אין אונדזער פאָרזעץ פון אַרויסגעבן, האָפנטלעך, מיין דריטן בוך, וואָס וועט אַנטהאַלטן מיין לעבנס־געשיכטע, און לידער וואָס זיינען נאָך ניט איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש. זיינען מיר שוין איצט מיט לייב און לעבן פאַרטאָן אין דער אַרבעט.

* * * *

ווען איך פאַרצייכן דאָס גאַנצע אויבנדערמאָנטע, וויל איך מיט גרויס ליבשאַפט און אַנערקענונג דערמאָנען מיין איבערגעבענע פריינדין, פּאָלאַ סטראָמבערג, וועלכע ווייזט אַרויס אַזאַ טיפע פאַרשטענדעניש צו מיינע לידער, ווי אויך צו מיין שרייבן בכלל... אַז ווען איך שרייב אָן אַ ליד אָדער אַ געדאַנק וועלכער עס צינדט מיר אָן, ווי אַ פייערל אין דער נשמה, מוז איך די ערשטע זאַך עס פאָרלייענען פאַר פּאָליען, און זי, מיט איר באַגייסטערונג, ברענגט אַרויס אין מיר דאָס געפיל פון באַפרידיקונג, און איך שרייב ווייטער... און פּאָלא מיט איר באַוווּנדערונג און מיט איר אָטעם־פאַרכאַפּונג, ברענגט אין מיר אַרויס דאָס, וואָס איך האָב אפילו ניט געהאַט בדעה צום דערציילן. פּאַליע׳ס באַגייסטערונג איז פאַר מיר דער אַרויסצי פון מיינע טיף־באַהאַלטענע געפילן פון מיין פאַרגאַנגענהייט.

★ ★ ★ ★

מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק האָב איך מיט אָטעם־פאַרכאַפּונג געלייענט דעם ראָמאַן „מאָטעק און סאַלטשע״ אין בוך פאָרם, פון י.א. ראָנטש... און איך וועל זיך איצט צוריק נעמען צו די דריי צוציענדיקע ביכער. צייט האָב איך איצט מער... מיין לעבנס־געשיכטע איז שוין במעט פאַרענדיקט... כאָטש עס זעט נאָך אויס, אַז עס קען זיין אַ מעשה אָן אַן עק...

און איך וויל אַזוי דערקלערן מיינע איבערלעבונגען ווען י.א. ראָנטש האָט געגעבן זיין קריטיק איבער מיין בוך „פאַר וועמען זינג איך מיינע לידער״...

געשריבן האָב איך מיט ווייטיק, פון אונדזער יידישן חורבן בימי היטלער, ימח שמו, און ניט צופיל אַכט געלייגט אויף מיינע עטלעכע נאַטור לידער.

י.א. ראָנטש, אין זיין קריטיק וועגן מיין לידער בוך אין דער „ליטעראַטור און קונסט״ זייט פון דער „מאָרגן פרייהייט״, שרייבט: „פערזענלעך האָב איך הנאה געהאַט פון אירע נאַטור לידער. זי שענקט איר פולע אויפמערקזאַמקייט צום גרינעם אַרום און זי פרוווט זיך איינלעבן אין דעם לעבן פון בוים און פון דער שטומער נאַטור... דאָס ליד אירס, „דער פלוימען בוים״ אָטעמט מיט פּאָעזיע.״ א.א.וו. וואָס פאַר אַ הימלישן געפיל איך האָב דערפילט אין אָט אָ די טייערע ווערטער!...

איך לייען אַלע ראָנטש׳עס אַרטיקלען אין דער „מאָרגן פרייהייט״ און ווו נאָר איך געפין זיי.

★ ★ ★ ★

איך האָב געהאַט דאָס גרויס גענוס צו לייענען און צו לערנען זיך פון י.ב. ביילינ׳ס צווייטן באַנד „פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע״, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1965, און זיין אומבאַשרייבלעכע, קעמפעריש אויטאָביאָגראַפיע, „אַלץ אין איין לעבן״ אַרויסגעגעבן אין 1970. די צוויי ביכער האָב איך געקראָגן אַ מתנה פון דשאַנעט ביילין קאָהען און איר מאַן, יודל. געלייענט די צוויי ביכער מיט העכער צוויי יאָר צוריק און איך וועל זיך צוריקקערן צו זיי מיט מיין פולער חשיבות און דורשט נאָך ביילינ׳ס האַרציק־ערנסטע באַשרייבונען פון פעריאָדן אין זיין קעמפעריש רעוואָלוציאָנערן לעבן.

* * * *

גאָר באַזונדער וויל איך דערמאָנען די צייטן ווען מיינס אַ ליד פלעגט זיך אָפּטמאָל געפינען אין „זאַמלונגען״, ווו בער גרין, דער ליטעראַטור־קריטיקער, פּאָעט און רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל, פלעגט מיין ליד גוטהייסן. ווער איז אין יענע טעג געווען צו מיר גלייך?
פון בער גרינ׳ס בוך, „אייביק גרין״, לייען איך אָפט פאָר פאַר אונדזערע חברות וועלכע פאַרשטייען און קענען גוט אָפּשאַצן דאָס ליד, דאָס אויסערגעווינלעכע... וואָס האָט געקראָגן ביי אונדזערע נאָענטע פריינט דעם „אויבן אָן״ פון אונדזער יידיש־געהויבענער פּאָעזיע... דאָס ליד „מזמור שיר ליידיש.״

וועגן יידישע זשורנאַלן און צייטשריפטן

געצויגן האָב איך אויך מיין יניקה פונעם זשורנאַל „די צוקונפט״ און ביז היינטיקן טאָג קומט אַריין „די צוקונפט״ צו אונדז אין הויז. אפילו ווען איך האָב עס שוין וויפל מאָל אָפּגעשטעלט, צוליב געוויסע טעמים... האָב איך געקראָגן פון דער רעדאַקציע בריוו, אָנפרעגנדיק זיך צי איך קען אפשר ניט צאָלן (ווייל איך האָב שוין דאַן ניט געצאָלט מיין אַבאָנאמענט אָפּצאָל אומגעפער אַ יאָר צוויי), ווילן זיי אָבער דווקא מיין נאָמען ניט אַראָפּנעמען פון זייער ליסטע, ווייל נאָך מיינע עטלעכע ווערטער וואָס איך האָב וויפל מאָל צוגעשריבן אין דער רעדאַקציע, פאַרשטייען זיי, אַז איך **דאַרף לייענען דעם זשורנאַל**.

און זיי שיקן דעם זשורנאַל נאָך סיי־ווי־סיי... און איך לייען אים, און קיין שאָדן טוט עס מיר ניט... גראַדע האָט דער זשורנאַל זייער פיינע שרייבער... צי איך בין איינפאַרשטאַנען מיט זייער אידעאָלאָגיע איז עפּעס אַנדערש...

דעם זשורנאַל „יידישע קולטור" פלעג איך קריגן און לייענען מיט נייגער. עס איז אָבער פאַר מיר געוואָרן אַזוי ענג די צייט, אַז איך פלעג פיל מאָל קיין צייט געפינען דורכצולייענען די גאָר וויכטיקע אַרטיקלען פון די זעלבע פיינע שרייבער וועלכע איך לייען מיט גענוס אין דער „מאָרגן פרייהייט", און איך האָב עס אָפּגעשטעלט, צו מיין גרויסן פאַרדרוס, פאַר עטלעכע יאָר. איך וועל זיך אָבער ווידער נעמען צום לייענען די „יידישע קולטור"... זאָל עס נאָר ווייטער פּראָזעצן...

דעם זשורנאַל „זאַמלונגען" האָב איך ליב געקראָגן פאַר זיינע פאָלקסטימלעכע לידער און פיינע, צוגענגלעכע אַרטיקלען. גליקלעכערהייט פלעגט זיך דרוקן מיינס אַ ליד און געוויינטלעך איז דאָס געווען ביי מיר פון גרויס צופרידנשטעלנדיקן גענוס. הלוואי זאָלן מיר דערלעבן זען, אַז „זאַמלונגען" זאָל ווידער דערזען די ליכטיקע שיין.

צו מיר אין הויז קומען אַריין פיל צייטשריפטן אין דער ענגלישער שפּראַך און אַלע וואָס האָבן צו טאָן מיט יידישן אינטערעס, און מ'דאַרף זיי אַוודאי לייענען. און ווו נעמט מען אַזויפיל צייט???...

* * * *

קאַפּיטל אַכט

פּעריאָדן אין מיין לעבן

מיין שרייבן האָט דערוויילע געקראָגן אַן אָפּקלאַנג, און צום גליק האָט זיך, מיט אַ יאָר פיר צוריק, אָרגאַניזירט אין דאַלאַס אַ באַוועגונג פאַר „יידיש״ אויף דער פּאָלקס ראַדיאָ. דער איניציאַטאָר פון דער פּראָגראַם, מיט גרויס אחריות, איז געווען דער ליבער יונגערמאַן בערי סאָמערסטין. גאַנץ אָפט בין איך געווען אויף דער פּראָגראַם, געלייענט מיינע יידישע לידער און מאָנאָלאָגן פון שלום עליכם.

די פּראָגראַם איז אָנגעגאַנגען ביז סעפּטעמבער, 1977, ווען ס'איז אַנאָנסירט געוואָרן, אַז די סטאַנציע איז געצוואונגען געוואָרן דאָס אויפצוגעבן צוליב די גרויסע הוצאות וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן אויפהאַלטן אַזאַ פּראָגראַם... נישט קוקנדיק אויף דעם פאַקט וואָס בערי סאָמערסטיין און זיין איבערגעבענע ליבע פרוי, מארסיא, און די אַלע פאַראינטערעסירטע מיטהעלפערס זיינען געווען וואָלונטירס מיט גרויסער יידישער אחריות. די פּראָגראַם איז געווען אויף דער סטאַנציע „קעי.סי.עיטש.יו.״ פאַר אַ יאָר מיט פיר מאָנאַטן צייט.

* * * *

איך האָב שיר נישט פאַרגעסן פאַרצייכענען צוויי וויכטיקע פּעריאָדן אין מיין לעבנס געשיכטע.

מיט אַ יאָר זעקס צוריק, אינעם יאָר 1974, ווען די פּראָגראַם „**קאָוועגענט**״ אויף טשאַנעל אַכט, „דאַבליו־עף־עי־עי־טי־ווי״ האָט צום ערשטן מאָל דערשיינט, אָרגאַניזירט פון דער דאַלאַסער יידישער וועלפעיר פעדעראַציע, זיינען פאַר דער פּראָגראַם אויסדערוויילט געוואָרן פיר לאַנג־יאָריקע דאַלאַסער בירגער — צוויי מענער און צוויי פרויען. די מענער — לעאָ דייוויס, דער עלטערער און ראַדזשער קאַלענבערג, דער אינגערער. די פרויען — רעי אַנדרעס (איך) די עלטערע, און אַנדריאַ ווײנטשיין די אינגערע. געהאַנדלט זיך האָט עס וועגן דער פראַגע: „אַנטיסעמיטיזם אין דאַלאַס״... אַ וויכטיקע פּראָגראַם פון פראַגעס און ענטפערס.

די פראַגעס זיינען געווען אויסגעאַרבעט פון פריער און מיר, די פיר דערוויילטע, האָבן געגעבן אונדזערע ענטפערס, וועלכע זיינען געווען גוט דורכגעטראַכטע, אויף אונדזער אייגענער אחריות.

אַלע פיר אַנטיילנעמער אין דער פּראָגראַם זיינען געוואָרן פאָטאָגראַפירט און רעקאָרדירט באַזונדער, יעדער אין זיין אייגענער היים, מיט גרויסע קאָמערציעלע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און מיט גאָר גרויסער עלעקטרישער באַלייכטונג. — — איך האָב זיך פון אָנהויב אפילו דערשראָקן, ווען צו אונדז אין הויז האָט מען אַריינגעפירט די גאַנצע קלאַפּערגעצייג... אָבער מיין שנור, רוט, וועלכע איז בייגעווען, האָט מיר באַרואיקט מיט אירע וואַרימע ווערטער און גוטע געפילן פאַר מיינע צוגעגרייטע, זיכערע ענטפערס. איר שטימונג האָט אויף מיר געווירקט און איך האָב מיינע ענטפערס געגעבן מיט רואיקייט און דרייסט.

דער רעזולטאַט איז געווען אַ געהויבענער, און דער פילם איז שוין, דורך די יאָרן, געוויזן געוואָרן עטלעכע מאָל, אויף די „קאָווענענט״ פּראָגראַמען.

* * * *

דאָס צווייטע, וואָס בעט זיך דערציילן, איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער, 1979, אויף דער טעלעוויזיע סטאַנציע „קעי־אי־אַר־עי, טשאַנעל 13״, ווען די דאַלאַסער אידישע „וועלפעיר״ פעדעראַציע, מיט דעם אַנטייל פון פיל לעבנגעבליבענע פון דעם חורבן („האלאקאָוסט״) מיט סיימאן וויזענטהאַל, אין אַן אויפטרייסלענדיקע רעדע... און אַ רעדע פון מאיק דזשייקאָבס, איינער פון די לעבנגעבליבענע, וועלכער טוט גאָר וויכטיקע אַרבעט; אונטערנעמונגען אויפן געביט פון אונדזער אומבאַגרייפלעכן חורבן פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט...

עס האָט אויך אַנטייל גענומען אַן ישראל טאַנץ־גרופּע, וואָס האָט אויסגעדריקט אין די טענץ דעם גייסט פון גרויס האָפענונג פאַר אונדזער יידיש געפלאָגט און גע׳רודפ׳ט פאָלק...

עס איז דאַן געוויזן געוואָרן אַ סצענע פון יידישע קינדער מיט זייער לערערין, פּראַווענדיק יידישע טראַדיציאָנעלע ימים טובים.

נאָכדעם האָט מען געהערט אַ רעדע וואָס גאָלדאַ (גולדה) מעיר האָט געהאַלטן אין דאַלאַס, טעקסעס ניט לאַנג צוריק, איידער איר אַוועקגיין אין דער אייביקייט. עס איז געווען אַ היסטאָרישע רעדע, וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן פאַרן אַרכיוו פון דער צייט...

עטלעכע גאָר איינדרוקספולע פּאָעמען וואָס האָבן געשילדערט דעם „האלאָקאָסט״ זיינען געלייענט געוואָרן פון דאַלאַסער טאַלאַנטן אין ענגליש. איך האָב געלייענט אין יידיש מיין פּאָעמע, וואָס איז געווענדעט צו דער יידישער יוגנט: „ניט מער, ניט מער!״ פון מיין בוך

„פֿאַר וועמען זינג איך מיינע לידער?" צום ערשטן מאָל אין שטאָט דאַלאַס האָט מען געהערט יידיש אויף דער טי. ווי. סטאַנציע „קעי־אַי־אַר־עי", טשאַנעל 13. האַרווי וויינער, דער פּאָרזיצער פֿון דער פּראָגראַם, האָט געלייענט דאָס זעלבע ליד — „נעווער מאָר, נעווער מאָר!" אין דער ענגלישער איבערזעצונג פֿון יודל קאָהען. ער האָט דאָס ליד געלייענט מיט גרויס געפֿיל און פֿאַרשטענדעניש.

איך גלויב אַז עס איז אויך כדאי צו דערציילן, אַז רעיטשעל, מיין יינגסטע אייניקל, האָט פֿאַראייביקט איר באָבען צוזאַמען מיט דער פּראָגראַם פֿון צוויי־און־אַ־האַלב שעה אויף זייער פֿאָטאָגראַפֿיש־רעקאָרדיר מאַשין, ווי אַ געניטער בעל מלאָכה, און ווען איך קום אַריין צו מיינע קינדער אין הויז, ווערט גאַנץ אָפֿט אָנגעשטעלט די פּראָגראַם פֿאַר דער באָבעס פֿאַרגעניגן און צופֿרידנשטעלונג.

איך וויל פֿאַרענדיקן מיינע געדאַנקען וועגן דעם פּעריאָד, אויסדריקנדיק מיין גרויסע אַנערקענונג פֿאַר דער יידישער געשיכטע וואָס ווערט, ביז היינט־צו־טאָג, געוויזן אויף דער פּראָגראַם **„קאָנווענענט"** אויף דער טעלעוויזיע, פֿאַר אַ האַלבע שעה אויף טשאַנעל אַכט, „דאָבליו־עף־עי־עי, טי־ווי", איין מאָל אין מאָנאַט, דעם לעצטן זונטיק פֿרימאָרגן פֿון חודש, צוגעגרייט טאַלאַנטפֿול, מיט גרויס חשיבות, פֿון אַ קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, אַראַנזשירט פֿון דער יידישער „וועלפֿעיר פֿעדעראַציע.

* * *

אין אַ קורצער צייט נאָך דעם אויפֿקום פֿון דער יידישער פּראָגראַם אויף דער ראַדיאָ, וואָס פֿלעגט געבן גרויס גענוס פֿאַר יידן אין דאַלאַס און אין אַרומיקע שטעט אין טעקסעס, אַלע זונטיק פֿרי פֿון 9:30 ביז צוועלף בייטאָג, האָט זיך אין קורצן אָנגעפֿאַנגען אַ שפּאָגל נייע באַוועגונג פֿאַר אויפֿלעבן „יידיש"... און אַ גרופּע שטאַרק־פֿאַראינטערעסירטע פּרויען האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ קלוב, וואָס האָט אָנגענומען אַ פֿאָלקסטימלעכן נאָמען: דער „לאָמיר רעדן יידיש" קלוב.

דעם גוט־צוגעטראַכטן נאָמען האָט געגעבן שרה סטיין, די דאַמאָלסטדיקע וויצע־פּרעזידענטין פֿון דער „הדסה", אַזוי אַז דער קלוב איז געוואָרן פֿאַררעכנט ווי אַן אָפּשטאַם פֿון דער הדסה אָרגאַניזאַציע אין דאַלאַס... אַזוי צו זאָגן... ביי אונדזער ערשטער זיצונג איז חנה קאָזאָלטשיק דערוויילט געוואָרן פֿאָרזיצערין. זי פֿירט אָן דעם קלוב מיט איר גרויסער ליבשאַפֿט און פֿולן אחריות. מיר האָבן גלייך דערוויילט אַ רעקאָרדיר־סעקרעטאַר און פֿאַליע סטראָמבערג האָט זיך

אָנגענומען פאַר דעם אַמט. איך וויל דאָ אויסרעכענען די פרויען וואָס האָבן באַלד גענומען אַ וויכטיקן אַנטייל אין דער אַרבעט. זיי זיינען איירין לעמפּערט, וועלכע רעדט גוט יידיש; טובה גרינבערג, וועלכע איז צוגעקומען עטוואָס שפּעטער, נאָך דער גרינדונג, און האָט שוין באַוויזן צו געבן עטלעכע באַלערנדיקע לעקציעס פאַר אונדזער גרופּע אין שייכות מיט ישראל, פונעם סאַמע אויפקום פון דער יידישער מדינה. זי איז ביי אונדז פאַררעכנט ווי „די ישראלי".

חברה גאַלין באַזוכט אַלע אונדזערע מיטינגען און ברענגט גרוסן פון אונדזער אַרבעט אין קלוב צו דער הדסה אָרגאַניזאַציע. איר מאַן, חבר גאלין, אַ תלמודיסט, אַ לערער־פּרינסיפּאַל אין אונדזער אַמאָליקער העברעישער שול, איז זייער סימפּאַטיש צו אונדזער יידיש קלוב. ער האָט פאַר אונדז געהאַלטן רעדעס, אָנהויבנדיק פון „תורה, נביאים וכתובים" אויף אַ ווונדערלעכער יידישער מאָדערנער שפּראַך. אַ צווייטן מאָל האָט ער געבראַכט פאַר אונדז די נייעס פון דער צייט, וואָס עס קומט פאָר אין און אַרום אונדזער לאַנד ישראל, א.א.וו.

מרים גלאַצער־פונק, וועלכע איז פאַרשטייער און וויצע־פּרעזידענט פון דעם „סיניאָר סיטיזענס" קלוב פון דער יידישער פעדעראַציע אין דאַלאַס פאַר פאַרשידענע קולטור פּראָגראַמען, איז געווען די ערשטע אַריינצוקומען אין דעם „לאָמיר רעדן יידיש" קלוב. זי רעדט אַ מחיה׳דיקן יידיש און האָט וויפל מאָל געלייענט וויכטיקע צושריפטן צו אונדזער קלוב אין שייכות צו דער באַנייונג פון דער יידישער שפּראַך. מרים איז דער אַגענט פאַר דעם פאַרקויף פון מיינע ביכער. מיט גרויס פרייד און איבערגעבנקייט האָט זי מיין צווייטן בוך פאַרקויפט. אויסער אירע אַלע אויסגעצייכנטע אַרבעט פאַרן וווילזיין פון דער דאַלאַסער יידישער געמיינדע איז זי אויך מיין איבערגעבענע פריינדין. מיין ספּעציעלער לויב־געזאַנג פאַר מרים גלאַצער־פונק.

אַ יונגע פרוי וואָס פאַרשטייט נאָר אַביסעלע יידיש פלעגט קומען פאַרשרייבן וואָס ביי יעדער פאַרזאַמלונג קומט פאָר, אום צו ברענגען די נייעס צו די הדסה זיצונגען. איר באַליבטער נאָמען — אילעין מישעלאָוויטש.

גאָר אַ גוטן מיטגליד האָבן מיר צוגעקראָגן צו אונדזער קלוב. זי רעדט גוט יידיש, איז אַ פּראָדוקט פון אַן אַרבעטער רינג קינדער שול פון ניו יאָרק, ווי אויך אַ תלמידה פון אַ הויך־שול. איר נאָמען — חנה גאָלדשטיין. זי איז אַ וויכטיקער פלוס פאַר אונדזער קלוב.

שרה סטיין, וועלכע איך האָב פריער דערמאָנט, די שוועסטער פון דר. חיים קיש, אַ לערער פון עברית וועלכער וווינט אין ניו יאָרק, איז אויך אַ מיטגליד. מיט אַ צייט צוריק, ווען דר. קיש איז געווען צוגאַסט אין דאַלאַס, האָט ער פאַר אונדזער קלוב געלייענט פון די ווערק פון חיים נחמן ביאַליק און פון פאַפערניקאָוו... און מיט גרויס פאַרשטענדעניש, אויך די לידער פון מיין ערשטן בוך, „מיין טאַטנ׳ס ירושה"... דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער געווס און אַ צופרידנשטעלנדיקע איבערראַשונג.

שרה סטיין האָט ביי אַ פאַרזאַמלונג געלייענט פונעם איבערבליק איבער גאָלדאַ (גולדה) מעיר׳ס בוך, איר אויטאָביאָגראַפיע, אין ענגליש, באַאַרבעט פון אַ וויכטיקן מיטגליד פון די „פּיאָנערן פרויען", רוט בראָדסקי. וויל איך איצט פאַרצייכענען, אַז שרה סטיין איז פאַררעכנט געוואָרן פאַרשטייערן פונעם קלוב ביי דער ערשטער זיצונג, ביי אַ גלעזל טיי מיט פאַרבייסונג, אין מיין היים. דאַן זיינען מיר פאַררעכנט געוואָרן ווי אַן אָפיציעלע אָרגאַניזאַציע פון „לאָמיר רעדן יידיש."

פון אָנהייב יאָר 1978 ביז היינט צו טאָג ציילט דער קלוב אַריבער פערציק מיטגלידער, און אָפטמאָל קומען צו פאַרבעטענע געסט, וואָס געניסן פון אונדזערע יידישע פאַרלייענונגען, פון צייט נייעס און פון לידער — רעציטירטע, אָדער געזונגענע, א.ד.ג.

אָנגעהויבן האָבן מיר די גאָר וויכטיקע אַרבעט מיט זעכצן פרויען. פון אָנהויב זיינען אונדזערע מיטינגען פאָרגעקומען איין מאָל אין צוויי וואָכן. מיר פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין די היימען פון די מיטגלידער, אויף אַ פאַרוויילערישן אופן.

דאָס באַקענען זיך נאָענטער איינע מיט די אַנדערע האָט דערוועקט דעם אינטערעס צו דער געהויבענער, קולטורעלער יידישער ליטעראַטור.

און די יידישע שטאָט דאַלאַס האָט אַנערקענט דאָס׳געווונשטע פאַר דער אויפלעבנדיקער יידישער שפראַך... אַזוי אַז ס׳איז דערגאַנגען צו דער פרויען אָרגאַניזאַציע פון טעמפל עמאנו־על. און ווען די פרעזידענטין פון דער „סיסטערהוד", ראָוז טאָבי, האָט אויף אַ זייער ערנסט־פריינטלעכן אופן איינגעלאַדן אונדזער קלוב צו פירן אונדזערע זיצונגען אין דעם גרויסאַרטיקן טעמפל עמאנו־על איז דאָס פאַר אונדז יידיש־רעדנדיקע, געווען די דערפרייענדיקע איבערראַשונג, איבער אַלע בעסטע דערוואַרטונגען.

פירן מיר איצט אונדזערע דערפּאָלגרייכע מיטינגען אינעם טעמפּל עמאנו־אל. איין מאָל אַ חודש.

יעדן לעצטן דאָנערשטיק פון חודש ווערן פאַר אונדז צוגעגרייט די טישן, די שטולן, די געשמאַקע קאַווע און אפילו די פּאַפּירענע קרעדענצן צום סערווירן. און מיר, די מיטגלידער, ברענגען זיסע געבעקסן און פאַרברענגען אויף אַ פריינטלעך קולטורעלן אופן, ווי עס וואָלט זיך אונדז אפילו אין די בעסטע חלומות אַזוינס ניט געקענט אויס׳חלום׳ען. פאַר אונדז אַלעמען איז עס די גרעסטע פרייד אַזוינס צו דערלעבן!... הלוואי אויף לאַנגע, שלום׳דיקע, פרוכפּערדיקע יאָרן...

איידער איך גיי ווייטער אין מיין דערציילן, וויל איך פאַרהערלעכן דעם נאָמען, אברהם קאַזאַלטשיק. דער גוטער מענטש גיט זיין צייט, מיט זיין גוטן ווילן, צו ברענגען און פירן צוריק די פרויען און די מענער צו יעדער זיצונג. זיין איבערגעבנקייט פאַר אונדזער יידיש קלוב און זיין אַרויסהעלפן צייטנווייז מיט אַ גוט וואָרט, העלפט אונדז אומבאַשרייבלעך אָנצוגיין מיט דער וויכטיקער אַרבעט.

קאפּיטל ניין
געדאַנקען

אין דער זעלבער צייט, ווערט מיין צווייטער בוך, „פאַר וועמען זינג איך מיינע לידער״ אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק אינעם יאָר 1979, רעדאַגירט פון דזשאַנעטביילין קאָהען. יודל קאָהען, דער אומדערמידלעכער איבערזעצער און איבערגעגעבענער פריינט, צוזאַמען מיט דער ליבער דזשאַנעט, האָבן מיט זייער פילפאַכיקן אינטערעס צו מיין ליד, פאַרשענערט דאָס אַרויסגעבן פונעם בוך אַזוי, אַז די לויב־געזאַנגען פאַר זייער געשמאַק און קינסטלעכן צוזאַמענשטעל פון דעם צוויי־שפּראַכיקן ווערק איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן.

צום כבוד פון מיין צווייטן בוך בין איך געווען איינגעלאַדן צו דעם „סיסטערהוד לאָנטשאָן״ פון טעמפל עמאנו־על, ווו מיין בוך האָט זיך פאַרקויפט. אונדזער „לאָמיר רעדן יידיש״ קלוב איז געווען איינגעלאַדן צו דעם פיינעם יום טוב. די רעדע וואָס איך האָב געהאַלטן אין יידיש, איז געווען איבערזעצט און געלייענט פון ראָוז סעגינאָוו, די גאָר פּאָפּולערע פערזענלעכקייט ביי אונדז אין שטאָט.

פאַר אונדז אַלעמען איז די פרייד געווען אַ דערפאָלגרייכע, צופרידנשטעלנדיקע איבערלעבונג.

* * * *

דערווייל איז מיר איצט אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק די צייט ווען די דאַלאַסער יידישע פעדעראַציע האָט זיך אַרומגעזען, אַז פון די אַלע יאָרן וואָס יידן האָבן זיך באַזעצט אין דאַלאַס, טעקסעס, זיינען כמעט ניטאָ קיין „מעמאָראַביליע״ פון פאַרצייכנטע פאַסירונגען פון די כמעט הונדערט יאָר איינוואַנדערונג פון יידן אין אַלע טיילן פון דער גרויסער שטאָט, — טעקסעס... און אויך אין אונדזער שטאָט, דאַלאַס.

ביי אַ זיצונג פון פאַראינטערעסירטע מענער און פרויען פון דאַלאַס, איז מיט פולער איינשטימונג באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהויבן אַ צוזאַמענקלייב פון פאַרשידענע אַלטע (אַזוי צו זאָגן) געשעענישן, פון געשריבענע, אָדער געדרוקטע אַלט־יאָריקע צייטונגען, זשורנאַלן, פאָטאָגראַפיעס פון יידישע פערזענלעכקייטן, וועגן שולן פון דער אָרטאָדאָקסיע, שולן פאַר קאָנסערוואַטיווע און דעם רעפאָרם טעמפל,

פאַר רעפאָרמירטע, דאַמאָלסטדיקע דייטשישע יהודים... און אָנצוהויבן אַרבעטן אויף דעם געביט פון זאַמלען אַן אַרכיוו... פאַר דער געשיכטע פון יידן אין דאַלאַס, און אין טעקסעס בכלל.

צוויי איבערגעבענע פרויען: דזשינדזשער דזשייקאָב און רוט קעהן זיינען געווען די ערשטע, און זיינען ביז היינט צו טאָג די פירער פון דער וויכטיקער אונטערנעמונג. זיי היטן אָפּ יעדע שטיקעלע פּאַפּיר וואָס האָט אַ שייכות צום אינטערעס פאַר דער צוקונפטיקער געשיכטע פון די יידן אין דער שטאָט דאַלאַס, טעקסעס... גאָר אַ וויכטיקער, געהויבענער אויפטו!

אינעם יאָר 1976 האָב איך אויסגעאַרבעט פאַר דעם אַרכיוו די געשיכטע פון אונדזערע טעטיקייטן אַרום דער באַליבטער „אַרבעטער רינג קינדער שול״. אינעם נייעם „יידישן קאָמיוניטי סענטער״, אינעם פּראַכטפולן נייעם בנין, קען מען כמעט זען דעם גרויסן אויפטו פון דעם „אַרכיוו״. מיינע ערשטע צוויי ביכער געפינען זיך אין דעם אַרכיוו.

די אַרבעט איז נאָך ניט אינגאַנצן צוזאַמענגעשטעלט, אָבער באַדייטנדיקע אויסזיכטן ווייזן דעם וועג פון פולקאָמער דערגרייכונג.

* * * *

מיט אָט די אַלע פאַרשידענע וואַרימע געפילן וויל איך מיין לעבנס געשיכטע פאַרענדיקן... דערמאָנענדיק מיט כבוד און גרויס ליבשאַפט מיין לעבנס-באַגלייטער, הערשל, און אונדזערע גליקלעכע פיר-און-פערציק יאָר צוזאַמען... אונדזערע גייסטרייכע פאַרמעגנס — די דריי ליבע, גראַטענע זין — ראובן, דוב און נחום, מיט אונדזערע צוויי טייערע שניר — אמיליא און רוט, וואָס האָבן אונדז באַגליקט מיט אַכט אייניקלעך, אומבאַשריען... וועלכע זיינען באַקרוינט געוואָרן פון דער באָבען, געוויינטלעך ווי „מיין שיר השירים״...

מיט פולער דאַנקבאַרקייט און מיט ליבשאַפט פאַרצייכן איך מיין אַנערקענונג צו מיין דאַלאַסער משפחה — מיין טאַנטע און אָנקל, טעמע און סעם טאַבאַלאָווסקי; און מיין טאַנטע און אָנקל פעני און איזי ווייַל, פאַר די אַלע יאָרן וואָס מיר איז באַשערט געווען צו בלייבן לעבן, די איינציקע פון מיין גאַנצער פאַמיליע. אָן זייער הילף און אָן זייער גוטן ווילן מיר אַהערצוברענגען, וואָלט אפילו קיין זכר ניט געבליבן פון דער גאַנצער פאַרצווייגטער חנה און מרדכי מאיר קליימאַן משפחה אין סוואלק, אויף שול גאַס, נומער 34.

צו מיינע רייפע איין־און־אַכציק יאָר האָב איך באַוויזן צו לאָזן ווי אַ ירושה פאַר מיינע קינדער און אייניקלעך די געשיכטע פון מיין לעבן.

די איבערזעצונג אין ענגליש, מיט געפיל און טיפער פאַרשטענדעניש, פון יודל קאָהען צוזאַמען מיט זיין ליבער דזשאַנעט וועט, מיט האָפענונג און מיין טיפן גלויבן, דינען צום המשך לדור דורות אין דער אַנדרעס משפחה.

חיה רחל קליימאַן אנדרעס,
דאַלאַס, טעקסעס, מאי, 1980

ל י ד ע ר

זיינען יאָרן געלאָפן

זיינען יאָרן געלאָפן, אייביקער שטראָם,
דאָס לעבן האָט דיך באַהאַוונט; —
סיי האָסטו געזונגען
סיי געמאַכט האָסט אַ גראַם,
סיי אויף אייגענעם אופן געדאַוונט . . .

צי פאַרפאַסט האָסטו לידער,
פון אומעט, — — — פון פרייד,
צי געשפּילט האָסט מיט קינדער
סיי געמאַכט האָסטו קירצער
צי לענגער דיין קלייד? — — —

יאָרן לאַנגע, אָפּטמאָל פאַרדריסלעכע,
פאַררעכנט האָסט זיי פאַר גוט,
זיינען ווינטערס און זומערס
געגאַנגען פאַרביי
אין ליכטיקן מוט.

זינגסטו איצט לידער,
ווידער פון צייטן אַמאָליקע,
פון ליבשאַפט, פון אייביקער,
טיפער פאַרוואָרצלטער
פון וואַכעדיקייט טעגלעכער.

זינגסטו ווידער די לידער
פון צייטן אַמאָליקע,
פון „אַני מאַמינ׳ס בביאת המשיח״
און האָפענונגען ליכטיקע? — — —

זינגסטו ווידער די לידער
פון שבתים און „זמירות״ צעזונגענע,
פון ימים־טובים פאַרהיילקטע
מיט התמדה געדאַוונטע.

דערמאָנסט ווידער און ווידער
די שמונה עשרה׳ס אויסגעשטאַנענע,
אויף נסים זיך אייביק געוווּנטשענע,
און דו פרעגסט איצט אין לידער,
אין צייטן היינט וועלטלעבע: — — —

די גאָרע וועלט איז אין קידער־ווידער,
ווו? — ווען? — קענען גילטן נסים פאַרהייליקטע?
ווען גופים פאַרהונגערט — פאַר׳חלש׳טע,
אין וועלט א צערודערטע
אין בלוט צעקאַליעטשעטע.

וועט ווען קומען אַ צייט,
פון נאָענט, צי פון ווייט?
ווען מענטש וועט פאַרזאָרגט זיין
מיט ברויט?
ווען וועט מענטש זיין רואיק און זאַט?
ווען וועט קומען דער אויסלייזער, דער שליח —
דער וועלט׳ס אויסגעבענקטער „משיח?״.

* * * *

ניט דערזונגענע לידער

(געווידמעט הערשלען)

אין טיפעניש פון מיין נשמה
שטאַמלען לידער ניט דערזונגען...
וואַרט איך אַלץ אויף דער הסכמה
פון מיין גלויבן, זיי צעקלינגען.

זאָל איך זינגען איצט פון אומעט?
פון קלעמעניש? פון צער?
וועל איך אפשר ניט פאַרטרייבן
דעם דורשט צום ליד דערפאַר. — — —

וועל איך פרובירן פונעם קלעם,
אַרויסהויבן אַ פרייד.
און די אָנגעזאַפטע, טיפע ליידן,
אויסוואָרצלען, פאַרטרייבן...

ליבער הערשל,
דו האָסט פאַרזייט
די גראָזן, בוים און בלום...
אַזויפיל שיינקייט מיט דיין מי צעשפרייט,
אַזויפיל פראַכט פאַרשאַפט אַרום!

הייליק שוועבט דיין ליבע טריישאַפט,
דיינע וואָרצלען מאָנען פון מיר מיין געדויער,
ניט אין טרער, נאָר מיט קראַפט,
צעשלאָגן מיין בענקשאַפט און באַדויער.

ס׳איז מיר נאָענט דיין לייב און לעבן,
אַלץ אַרום דערמאָנט אָן דיר,
דיין נאָמען לעבט אויף מיינע ליפּן,
איך הער, דו ענטפערסט מיר....

* * *

מיין בענקשאַפט

(געווידמעט הערשלען)

ווי מעקט מען אויס די שרעק פון די אויגן?
מיינע שוואַרצאַפּלען זענען
נאָך מיט דיין פּנים מיר פאַרצויגן.

נאָך דוכט מיר, דו רעדסט, רעדסט נאָך צו מיר,
און אָט פאַרשטילט כהרף־עין,
דיין לעצטער טיפער אָטעם־פּיר,
ווי אַ בליץ, וואָס לויפט דורך אַ רעיון — — —
— — — — — — — — — — — —

יונגע, געלע פרילינג בלומען,
דו האָסט זיי פאַרזייט,
איך שנייד
אין פרימאָרגן איצט
אין ניינצן זעכציק זיבן —
פאַר דיר, מיין ליבער,
זיי צונויפגעקליבן.

פרי, ווי פרי זיך אויפגעכאַפּט,
זיך פאַרבענקט נאָך דיר,
טראָג איך דיינע בלימעלעך
מיט ציטער צו דיין ערדן־טיר...

אַרום דאָ אַלץ איז אומבאַוועגלעך,
ס׳גיט זיך ניט קיין ריר,
בלויז די בלומען אין דער וואַזע —
בוקן זיך פאַר דיר...

* * *

69

צו דיר — מיינע לידער

ווי חרוב דו ביזט, מיין יידישע שטאָט
הייזער דיינע פֿאַרוויסטע,
צעבויגן דיינע ווענט
שולן, בתי־מדרשים פֿאַרשטומטע.

יידישע גאַסן, איינגעפֿאַלענע שטיבער,
איר שטומט אויס אַ שווייגן אין צער.
ווי פֿאַרשאָטענע גריבער,
דערציילט איר פון חורבן, פון געפֿאַר.

אויפֿן שול־הויף און בית־מדרש,
קיין יידישע קינדער, קונדסים
צעשטיפּטע, להכעיס ר׳ פּנחס דעם שמש —
פֿאַרשניטענע יונגינקע מתים!...

פֿאַרוויסט דאָס יידישע געסל
קיין טאַטעס, קיין קול.
דאָ געוווינט האָט דער חסיד ר׳ געצל,
נישטאָ מער דער קלאַנג פון אַמאָל.

געביין אונדזער יידישער;
צאַפּלסט אין מיינע גלידער,
חורבן פֿאַרשטומטער, קרבן צעאַשטער,
צו דיר — מיינע לידער.

* * *

70

אין אייביקן בענקען

סוואַלק, שולגאַס, פּיר־און־דרייסיק,
אונדזער אַמאָליקער אַדרעס.
פאַרשמעקט האָט לופט אין פרילינג דאָרט
לילאַ־ווייס־קאָלירטע בעז.

אונטערן באַרג דאָרט האָט גערוישט
די טשאָרנאַיאַ אַנדזשאַ און געשווימט,
אירע שטיינדעלעך מיט מאָך באַוואַקסענע
געגלעט און אַ סוד אַריינגערוימט.

שפּראָצט אויך איצט דאָרט נאָך אַ גרעזל?
בלעטערן נאָך די יונגע צווייגן
אויף די אַלטע זקנים־ביימער?
צי אַלץ דאָרט ליגט אין שטומען שווייגן?

גאָרטן יידישער, איך זע דיך ניט פאַרזייט
קיין בורעקעס, קיין ציבעלעך, קיין רעטעכלעך, קיין מערן.
אויף הפקר אַלץ, אין טיפן צער צעשיידט.
פאַרשפּאָרט האָסטו, ייד, פון תכלית קלערן...

ס׳פלעגט דאָרט הילכן זאָרגלאָז דאָס מיידלשע געלעכטער
פון רבקהלען, פון באַשעלען און שיינקען.
אוי, ווי שווער איז, גאָט געוועבטער!
ווי שווער איז נאָך די שוועסטערלעך דאָס בענקען...

71

שולגאַס, נומער פיר־און דרייסיק,
דיינע וועגט — חושך, וויסט.
שטורעם ווינטן רייסן בייסיק,
בלוטיקער פאַרפלייץ נאָך גיסט...

אויפן נומער פון מיין שטוב
אבלים־ליכט עס צאַנקען...
אין מיין האַלדז — אַ פאַרשטיקטער קנופּ,
און ס׳קלעמען פיבעריש געדאַנקען...

* * * *

מיין מאַמעס טרער

(ערב פסח, אַ פּראַסטיק באַג׳נען 1921)

אין אַ ווינטער קאַלטן מאַרק־טאָג,
ווען אַלץ אַרום געווען איז נעפּלדיק פאַרשלאָפן,
איז מיין מאַמע, אין מיט׳ן „מודה אַני״ זאָגן,
מיט איר קאָשעק איילנדיק
צום מאַרק אוועקגעלאָפן.
טאָמער מאַכט זיך וואָס צו קויפן?
אַ הון, אַ גענדזל, צי אַ קאַטשקע,
און אין שטאָק פינצטערניש פאַרטאָג
מענטשן לויפן — — —
קונים מער ווי סחורה אויפ׳ן וואָגן.

„באַטיושקאַ! וויפלווילסטו פאַר דיין גענדזל?״
טוט מיין מאַמע מילד, דעם פויערל אַ פרעג,
און דער פויער מיט גרויס חוצפּה
שמיצט זיין פערד, זיין אַלטע שקאַפּע
און צערעוועט זיך אויף בייזן קול: — — —
„טי זשידאָווקע!, די וועלט פאַר דיר איז גאָר אַ קנאַפּע!״

שפּרינגט די אלטע שקאַראַבאַנדע,
מאָרדע פערדישע גדלות׳דיק פאַריסן, — — —
ווי עס שטייט אים אויך ניט אָן דער קונה,
האָט מיין מאַמע ליפּן אירע איינגעביסן; —
„זעט נאָר, יידן, אַ בעל העזה׳ניק אַזוינער!
אַזא יאָר! — אַזא מזל
אויף אַלע וויסטע שונאים!״
מורמלט שטיל פאַר זיך מיין מאַמע,
ווייַ געטאָן צופיל,
האָט עס איר מסתמא . . .

זי קומט אהיים
ליידיק איז איר קאָשעק,
ווי אין קלעם אַלע אירע גלידער,

פאַר אירע אויגן שווינדלט חוצפה׳דיקער פויער
מיט זיין לאָשעק,
ווי זיין בייטש שמיצט פאַרביי איר פנים ווידער . . .
„אַז אָך און וויי, מיין יידל,
ביזט אין גלות
אַ ליאַדע איינער לאַכט דיך אויס אין פנים,
אַזאַ מזל! — אַזאַ יאָר,
אויף אַלע וויסטע שונאים!״ . . .

און פון זיך אַרויסגערעדט,
מיט אַ טרער זיך גלאַט אַזוי פאַרביסן, — —
פאַרטרערטן פנים מיט פאַרטעך אָפגעווישט,
און זיך פון מיינע הענט אַרויסגעריסן.
צוריק אין מאַרק זי איז אַוועק,
מ׳קען דעם מאַרק־טאָג ניט דורכלאָזן; — — —
אין שטוב עסן איז כמעט נישטאָ אַ לעק,
אויף גאָט׳ס באַראָט שווער זיך צו פאַרלאָזן . . .

מאַמע מיינע!
דיין צעקלעמט — אחריותדיקע טרער
פאַרעקשנט, פאַרזייט האָט אַ זוימעלע אין מיר,
אַ האַלב־יאָרהונדערט איז שוין דאָ דערביי,
און היינט נאָך, לעב איך עס איבער פונדאָסניי.

איך פיל אָפט איר טרויעריקן באַריר,
שוין האַלב־יאָרהונדערט!
און מיין מאַמעס טרער,
צאַפּלט נאָך אַלץ אין מיר.

* * * *

פסח — זמן חרותנו

פסח טעג! — פאַר וועמען זענט איר באַפרייטע?
טעג, פרישע, לעבעדיקע,
טעג פול מיט אָטעם
אין פרילינג זון צעשיינטע.

שרייב איך היינט שורות
דוכט מיר ביים פולן זינען
קריכן פאַרעקשנט רעיונות
טיף פאַרבענקטע אינמיטן דערינען; —

כ׳פאַרצייכן; און דווקא
דעם חורבן פאַרליטענעם;
כ׳באַרעכן; און דווקא
דעם כופל פאַרלאָרענעם: —

מיינע שוועסטערלעך דריי,
זייערע מענער, שוין זעקס.
קינדערלעך זיבן,
איינס און איינס, ווי געקליבן.

טאַטע און מאַמע,
געבענטשטע — מיט קינדער געראָטן
פאַרשניטן אין יוגנט דאָס סאַמע,
אַפילו מיט ערד ניט פאַרשאָטן. — — —

און נישטאָ איז מיין ברודער
נישטאָ איז זיין פרוי
און נישטאָ זייערע קינדערלעך צוויי,
פאַרשוואונדן ווי פרימאָרגנדיקער טוי . . .— — —

אויף הפקר צעטראָטן, צעפּולווערט,
ווי פון אייזן, די נערוון פאַרטראָגן
דיינע קינדער ביים סדר ווען פרעגן
קשיות פאַרוואונדערט,
קלער זיי אויף! — —
אַ „נייע הגדה" מיר פאַרמאָגן . . .

היינט וואָס איז צום ריידן, צום זאָגן?
אַ תּכלית — ווי פולווער צעפלויגן. — — —
צערונען די בלוטן, אויף גאַסן, אויף ראָגן,
טויטע, אָפענע, מענטשישע אויגן.

פרעגן ביי וועמען; — — ווי קומט עס?
ווי געשיקט זיך? — — —
אַזאַ גרויל! — — — אַזאַ חורבן! — —
פאר גאָרער וועלט — — יידישער קרבן?— —

שווייג איך, — — שטומט אין מיר דאָס לשון,
דעם צער, ווי העלד פאַרטראָג איך,
צעזשאַרעטער אַש איז פאַרלאָשן.
פסח, אונדזער יום טוב!,
טעג, פאַר וועמען זענט איר באַפרייטע?
טעג, פרישע, לעבעדיקע,
טעג פול מיט אָטעם,
אין פרילינג־זון, צעשיינטע! . . .

****

שוידער פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט

ווי לאַנגזאַם דו ציסט זיך מיין נאַכט!
און ווייט איז נאָך צו ליכטיק טאָגן.
עס האַט ווער חורבן אויף דער וועלט געבראַכט
מיין זינען איז פול מיט אַלט־ווייטיקדיקן נאָגן.

עס האָט ווער מענטשנס לייבער אין קרעמאַטאָריעס
געברענט, געשטיקט אין שוואַרצן רויך.
געשפּילט האָט דער שונא אָראַטאָריעס
ווען אויסגעשעפּט האָט לעצטער טראָפּן בלוט אין מוח.

שלעפּסט זיך, ייד, מיט תּלית און תּפילין,
דיינע פיס זיי דינען דיך קוים.
דו הערסט, דיר דוכט, מוזיק גאָר שפּילן,
אָ באָגלייטונג צום פינצטערן טרוים? — — —

ווער קען די גרויזאַמקייט באַגרייפן?
ווער קען שטילשווייגן און ניט דערמאָנען,
די גזירה גענומען האָט זיך פון וואַנען?
צו פאַרניכטן אומשולדיקע זעקס מיליאָנען! . . .

אַ וועלט אַ גאַנצע האָט געשוויגן,
צו קיינעם דערגאַנגען איז וויסטער קלאָג,
טרויעריקער בלוט־צעווייקטער ניגון,
פאַר וועלכע זינד? — — פאַרוואָס די פּלאָג? — — —

דער קלעזמער געשלעפּט מיט זיך האָט פידל,
דאָס קינד — — איר ליאַלקע, ווי אַ מאַמע,
און דער רב אין שבתדיק קאַפּאָטע מיט'ן רידל,
פאַרצייכנט איצט אַ מאָלער, אָט די שוידער דראַמע.

77

טראָגט אַ ייד אַ ספר תורה, צוליב זכות
און טרערן גיסן אויפ'ן סאַמעטענעם ,,מענטל". —
נאַצי מיט זיין פעלענעם רימען, אין פריילעכן גענוס . . . ,
ציילט — — — שטעלט צו יידן צו דעם ,,ווענטל" . . .

פאַלן לעבנס גרויס און קליין,
ווערן ווענט באַשפריצט מיט בלוט.
באַרויבטער ייד! דיין טיפן צער באַקלאָג, באַוויין,
נאָר ניט פאַרליר דיין ווערט, דיין מוט!

האָט ווען דאָס וויינען, צי דאָס קלאָגן
צוריקגעבראַכט דעם שוידערלעכן פאַרלוסט?
עס האָבן תפילות און ברכות זאָגן,
אין אָפגרונט פאַרשלונגען ווערן געמוזט . . .

אַך, דו, גאָטעניו! פון גאַנצער וועלט דער האַר!
פאַרוואָס האָסטו דערלאָזן צו אַש, און צו פייער?
ווי האָסטו פאַרנומען מענטשלעכן צער?,
און געלאָזן דיין פאָלק באַצאָלן אַזוי טייער! . . .

אמת! געהאָנגען האָט זיך דאָרט איצט אַ נאַצי אויף אַ שטריק,
ניט דערגאַנגען אים דאָס העלדזל, — —
צערויבט האָט ער פון מענטשהייט אַזאַ שטיק! — — —
וועט איצט אַ צווייטער מאָלער עס מאָלן מיט זיין פענזל . . .

און נאָך אַ נאַצי רויבער נעמט זיך איצט דאָס לעבן,
ער שפרינגט פון הויכן מויער,
אַ גוטער אָנהייב, גאָטעניו, כ'לעבן;
אַ ביסל היילונג איצט צו אונדזער טרויער.

אָבער טויזנטער נאָך רוצחים לעבן ווי די גראַפן,
אין אַלע טײלן וועלט.
שונאים קענען גוט מיט זיי זיך שאַפן,
עס האָט היטלער דאָך מיט זיי געקנעלט! . . .

נאָך ניט געענדיקט איז אונדזער טרויעריקע געשיכטע,
עס לעבן נאָך תּליונים, זיי זיצן אין ווייכע שטולן.
מיט ציינער צעקריצטע, און אויגן גזלנישע,
ווי ווייט מיר זיינען נאָך צום פרייען אָטעם פולן.

צו לאַנגזאַם ציסטו זיך, מיין נאַכט,
און ווייט איז נאָך־צום ליכטיקן טאָגן,
עס האָט ווער חורבן אויף דער וועלט געבראַכט,
ווי שווער ס'איז אונדזער ווייטיק צו פאַרטראָגן! . . .

* * * *

79

די נומערן אויף דיין האנט, ניט פרעג!...

דערפילט האָסטו דאָס ברען,
אויף הויט -- אויף פלייש,
אין דיינע בלוטן.
איך באטראכט די נומערן אויף דיין האנט;
איך פיל ווי דיין קאָפּ ווערט הייס,
פילסט ניט מער
דאָס ברענען פון מאשין-נאָדל, פארשארפטער, —
ווערסט אויס מענטש,
ביסט נאָר א נומער אויף דיין האנט. —
איינגעקריצט האָבן זיך אין מיין מוח,
אזויפיל לעבנס - מענטשלעכע -
פארטיליקטע,
צווישן זיי אויך מיינע ליבסטע -
מיינע נאָענסטע; ---
מיין מאמע, - מיינע שוועסטערלאך, -
מיין ברודער, דער ציטעריקער,
דער איין-און-איינציקער. ---
גאָט, אלוועלטלעכער!
פארוואָס? פאר וועלכע זינד?
און איך, אין מיין פינצטערן געמיט,
שריי געוואלד!......

גראָבסט פאר זיך א טיפע גרוב?
מ'הייסט שפרינגען!...
א שטופּ ---
און ביסט שוין אין דער טיף,
א שטורך מיטן ביקס
און ליגסט שוין איינגעלייגט
אין טייך פון בלוט. ---
מיט ערד פארשאָטן ווערט דיין גוף,
ביסט אויס מענטש,
ביסט נאָר א נומער אויף דיין האנט??

ווי גרויס איז דער ווונדער
זאָגסטו אצינדער,
דו ווייסט ניט אליין
ווי אזוי ??? ---
,,פרעג ניט איצט,
ווי אזוי געראטעוועט כ׳האָב זיך ---
כ׳בין לעבן געבליבן,
די גרויל צו דערציילן!״---
כ׳בין דאָך גאָר קיין מענטש,
נאָר נומערן אויף מיין האנט...
פרעג ניט מער...
ווייל איך ווייס ניט,
כ׳געדענק ניט,
און דערציילן איך קען ניט...
צו טיף איז דער בלוטיקער שניט,
אין מיין וויסטען געמיט״
ניט פרעג! - - ניט פרעג!....

* * * *

צעשראָקן אויפֿן טעלעפאָן

איך האָב אויגן מיינע נאָרוואָס צעעפנט,
די אָקסלען שלעפעריק צעצויגן,
און אַט, קלינגט שוין אָן דער טעלעפאָן
און לאָזט מיר ניט אַ וואָרט דערלייגן . ..

האָסט שוין געוויס געהערט פון דעם פחד און אימה,
אויף מענטש, אויף פיש און להבדיל בהמה.
פאַרשפרייט האָט פאַרניכטונג פון פופציק מעגאַטאָן
אַ באָמבע, רחמנא לצלן! . . .

עס פליט דער פולווער אין דער לופטן,
ס'ווערט צעמישט מיט שטויב און רעגן,
ס'וועט צעשטערן בלומען דופטן,
און וועט פאַרניכטן גלייכע וועגן! . . .

קיין באַהעלטעניש וועט העלפן,
ניט אויף בוידים, ניט אין קעלער,
עס ווערן פעלדער אונדזערע פאַרשאָלטן,
מיט סם המות אין די טעלער.

ווייץ און קאָרן קאָפּ גענידערט,
ניט צום זעטיקן, נאָר פאַרסמט און צעפיבערט,
וואָס פאַר אַ זינד, וואָס פאַר אַ זינד!,
ס'וועט אויך ניט זיכער זיין דאָס מילך פאַר'ן קינד! . . .

דאָס פלייש פונ'ם עוף, פונ'ם שעפּס און פון קו,
קאַרטאָפל, ציבעלעס און מערן,
אַלץ ווערט צעשטערט, איך האָב קיין רו,
ווילדער פחד נעמט אַרום מיין קלערן . . .

דערלויב, דערלויב, מיין פריינט, איין וואָרט דערלייגן,
באַרויקן דיין ציטער, דיין שרעק,
עס קען יעדעס לאַנד זיך דערוועגן,
און חתמענען, חלילה, דעם שוואַרצן פלעק!

יעדעס לאַנד שאַרפט די ציין מיט אייזן און מיט שטאָל,
בויט פאַרניכטונג פאַר דער וועלט.
ניט וואַגן וועט מענטש ביים פולן זינען,
צעשטערן, פאַרניכטן די וועלט, אין מיטן דערינען.

באַרויק זיך, פריינט, די וועלט גייט ניט אונטער,
באַפריי דיין האַרץ פון פחד און פון זאָרגן . . .
האָף און גלויב — זיי מונטער,
שאַף און בוי פאַר היינט און פאַר דעם מאָרגן!

****

ניט פאַרגעסן!

ווילסטו זען די וועלט
אין איר ריכטיקן קאָליר?
עפן דיינע אויגן,
זע!
מיט אינעווייניקסטן דערשפיר,
ווי אַנפאַרטרויט דיין צוקונפט איז
די מערדער פון דיין פאָלק.

לאָז ניט דאָס פאָלק גענאַרן,
נאָך ניט פאַרגליווערט איז אייגן בלוט.
לאָז כבוד ניט פאַרשעמען,
דערפירן צו שאַנד און שפּאָט.

זע,
די גראָבע בייכער
באַזויפן ווידער פרייליך
קייכן פון געלעכטער:
באַלד, אָ, באַלד קומט די צייט
און פאַרנעמען וועלן זיי
אונדזער אָרט צוריק?

לאָז זיך ניט גענאַרן, פאָלק.
מען פאַרנאַרט שוין ווידער, זעסט?
היט דעם אָנדענק פון קדושים,
ניט פאַרגיב, און ניט פאַרגעס!

* * *

אַ נאַכט אַ לאַנגע*

אָפּטמאָל, ווען די נאַכט איז לאַנג —
שווער זיך דעם פרימאָרגן צו דערוואַרטן,
רוק איך מיר לאַנגזאַם פון מיין בעט אַרויס,
אויף שנעל טו אָן שטעק שיך
און אַ קאַפּאָטע אויף דער פּלייצע —
כ׳נעם מיין פעדער און פּאַפּיר,
און מאַך איבער זיי „המוציא״....

— פון שטילקייט מיר אַרום,
כ׳וויל קריגן מיין געניוס,
שרייב איך מיר איין שורה אָן,
אַ צווייטע, און אַ דריטע...
פאַרמעסט זיך אין אַ גרויס פאַרנעם; —
וואָלט איך וועלן איצט באַשרייבן
וואָס איך זע אין מיין געדאַנק
אין אַ גרויס געוועב, אין האַרציקן פאַרקלעם...

און דאָס געוועב איז לויטער־קלאָר, — — —
דוכט זיך מיר,
כ׳וועל עס אָנשרייבן אָט נאָר!...

קומט צופליען גאָר אויף שנעל
אַ געדאַנק... אַ צווייטער... און אַ דריטער...
פאַרטומלט און פאַרפּלאָנטערט...
שוועבט אַוועק ווי אַ חלום, אַ צעדרייטער...

כאַפּן קען איך מער צוריק
דער שטן איז מקטרג;
בלייב איך זיצן אין מיין פּלאָנטער
מיט אומעט אין מיין בליק.....

עס העלפט ניט מיין פאַרשניצטער בליי־פעדער...
ניט דאָס ווייס פּאַפּיר,
ניט די שטילקייט מיר אַרום....
בלייבט דאָס גאַנצע טראַכטן
אין מיין זכרון שטום....

דערהער איך ווי פון צווייטן צימער
רופט אַ שטימע, ווי פון שלאָף;
מיט אַ קול כמעט פון קימער:
„פון דיין טראַכטן מאַך אַ סוף!״

„צייט אַוועקלייגן ס׳געצייג,
מיט דאָס שרייבעריי...
צייט אַריינקריכן אין בעט,
און איינשלאָפן אויפסניי!...״

* * * *

*(ניט איבערזעצט אויף ענגליש)

באַגינען

אויפעמאַכט די אויגן,
אַ ריר מיטן גוף,
אַקסלען צעצויגן,
צו זיך איך גיב אַ רוף: —

מענטש! ביזט אויף? דו לעבסט!
ניט צעפּטר פרימאָרגן,
פון בעט קריך אַרויס,
מאַך צונישט דיין אומעט פון דיינע זאָרגן . . .

גרייט צו אַ טאָג מיט זון
און ליכט פאַרן מענטש,
אויב קענסט ניט מיט אַ טאַט,
פארזיס מיט דיין וואָרט . . .

מיט טרייסט און מיט ליבשאַפט,
האַלדז און קוש, נעם ארום
דעם יונגען דור, דאָס קליינע קינד,
ניט דערמאָן מער „ווײ און ווינד״ . . .

צעזילבערטע שטראַלן
צעוואַרעמען דעם גוף,
צעציען די אַקסלען,
צום לעבן אַ רוף! . .

* * * *

פאַרפלאַנצט אַ בוים

(געווידמעט הערשלען)

ווי אויסגעוואָקסן דו ביסט, מיין בוים!
דערגרייכסט שוין באלד צום דאַך.
באצירט מיט גרין דעם הימל־רוים,
און צערעדט האָסט זיך אויף ביימער־שפּראַך.

אָט, דוכט זיך, גאָרנישט לאַנג
פאַרפלאַנצט דעם בוים האָט הערשל ליבער;
טיף — גאָר טיף ס׳טוט ווי, ס׳טוט באַנג —
זיין באַקרוינטער פרוכטבאַרער געשאַנק.

ניט באשערט געווען אים זען,
אויפבלי פון זיין געצערטלט בוים!
אַ ירושה אונדז זיין מי,
איצט אין פרעכטיק־גרין צעבלי.

ווי הויך און שלאַנק דו ביסט, מיין בוים!
דיינע צווייגן גרין צעבליט.
אין דיין שטאַרקן שטאַם
האָסט בלעטלעך אַחריות׳דיק פאַרהיט.

ס׳האָבן דיך געררייצט, געוואָרנט;
בייזע ווינטן שטורעמס, קעלטן,
און דו, מיין בוים, מיט דיין עקשנות
„איינגעלייגט״ האָסט אלע וועלטן . . .

האָסט נחת שוין דערלעבט —
קינדער דיינע גרינינקע
מיט האָפענונג און גלויבן
אין דיין בוים־האַרץ איינגעוועבט.

אַ גוטער אויפשטאַנד דיר —
מיין בוים, מיין העלד!
ווי באַזינגט מען דיך, מיין ליבער?
האָסט לעבנס־שטראָם פאר מענטש צעהעלט;
זיי געבענטשט און פרוכפּערדיק ווידער!

* * * *

פּאַרמעסט

בויען פייגעלעך די נעסטן,
ווילן זיך מיט מענטש פּאַרמעסטן.
שפּרינגען, פליען מיט פליגל־פּאָלעס,
שפּילן, דוכט זיך, גאַנצע ראָלעס...

גרעזעלעך פון יונגע בייטן
טראָגן פייגעלעך, ווי לייטן.
פלעכטן פלייסיק גראָז מיט גראָזן,
ס׳זאָל אַ ווינט עס ניט פּאַרבלאָזן.

און איז די נעסט שוין אויסגעבויט,
קומען פייגעלעך פּאַרטרויט,
זינגען כאָריק, ווי אַ נייעס
צו דעם חנוכת־הבית.

איז דאָס געזאַנג אַ חלום־וואָר,
סיי איינצלווייז און סיי אין כאָר.
קאָן זיך מענטש מיט זיי פּאַרמעסטן?
אַזוי זיך בויען זיינע נעסטן?

ווי גוט, ווי גוט וואָלט דאָך געווען!
דער מענטש זאָל זינגען, ווען ער קען,
ווי ס׳פייגעלע ביים בויען די נעסטן
און מיט אים זיך צו פּאַרמעסטן...

* * * *

א ליכטיקער פרימאָרגן

גערוידמעט מיין זון, ראובן

איך גיי מיר אַרויס אין לופט. דער פרישער,
און טרעט אויף ערד, ווו גראָזן שפּראָצן,
איך דערהער, און דערפיל
ווי ס׳ברויזן אין די גערטנער
פּרוכטן ביימער.
איך הער דאָס געררויש, פונ׳ם אָנקום
צום נייעם פרילינג!
עס גרייט די „מאַמע ערד״
נאַרהאַפטיקע שפּייזן,
דאָס זאַפט פון טראָגעדיקער ערד,
זי איילט ברענגען צום געבורט! . . .

זינג איך איצט מיט פרילינגדיקער האָפענונג
צו דיר, מיין בענקענדיקער ייד;
מיט שטאָלץ, מיט אַלמענטשלעכער ווערדע,
האַלטן קאָפּ גאָר הויך.
וועט די זון, פאַר אונדז אויך שיינען,
וועלן שטערן צו אונדז ווינקען,
וועלן בלומען פאר אונדז בליען,
און פייגל וועלן פאר אונדז זינגען.

מיר וועלן נעמען טיפן אַנטייל
ווי פאַר אונדז יידן פּאַסט;
מיר וועלן זייען און פאַרפלאַנצן,
מיר וועלן גראָבן, און וועלן בויען,
און וועלן פליען אין ווייטע הויכן,
און אַלץ וואָס נאָר מענטש פאַרמעסט,
וועלן מיר דערגרייכן! . . .

אַי! וועט זיין אַ וועלט אַ שיינע,
אַ ליכטיקע, אַ זאַטע,
אַז מענטש זאָל נאָר מענטשן
מער ניט האַסן . . .
ווי גוט ס׳וועט זיין דאַן,
לידער פריילעכע פאַרפאַסן! . . .

****

אַ בליץ פון געדאַנק

קיין ווייט איז צו ווייט,
יעדע ווייטקייט איז נאָענט.
די צייט, אָ, די צייט!
זי אין כּישוף דערמאָנט.

אָט אויף דער ערד,
און שוין גאָר אין הימל,
קוים איז באַשערט,
דו פֿאַרגייסט זיך אין דרימל...

עס דרייען זיך רעדער,
עס הודזשען מאָטאָרן,
פֿליסט גרינג, ווי אַ פֿעדער —
ווייט שוין פֿאַרפֿאָרן!

וווּ ווּעסטו דערפֿליען?
וואָס זען ווּעסט אין ווייט?
סאַראַ גרוס ווּעסטו ברענגען
און סאַראַ באַשייד?

קיין ווייט איז צו ווייט,
יעדע ווייטקייט איז נאָענט.
די צייט, אָ, די צייט!
זי אין כּישוף דערמאָנט...

* * * *

פרילינג

געווידמעט מיין זון, דייװו

פרימאָרגן לויטער זוניקער
באַגליקט מיט פרילינג לופט.
פייגל סווישטשעריי
צום נייעם לעבן רופט!

בענקט מיין האַרץ אומרויקע
נאָך יונגע פרילינגדיקע טעג.
זוכט מיין שטילער אומעט,
זיך אויסטרעטן אַ וועג.

פאַרזייט מיין ליד די האָפענונג,
אין שטראַלנדיקער פרי,
פאַראָטעמט טיף אין לונג
פרייד פון לופטיק בלום צעבלי.

באַגריסט מיין ליד די גרינע גראָזן,
בענטשט דעם שטאָלצן אויפגעוואַכטן בלום.
זינגט צו ערד — צו אירע וואונדער,
גיט יעדן זיין לויב באַזונדער . . .

בלאָזט דער ווינט מיט פולער קראַפט,
רייסט פאַרעקשנטע געציילטע בלעטער,
שמייכלט בוים מיט פרישער בליונג,
געבן פרייד אין זיין שאָטן, וועט ער!

וויגן זיך בלעטער
אין רעשיקן געזשום,
ווי אין אוראלטע צייטן,
צעשאָקלען זיי זיך פרום!.

טיף איינגעזאַפּט האָט רעגן
ווייך, וואַרעם ערד געמאַכט,
מענטש האָט קערנדלעך פֿאַרזייט,
שפּייז נאַרהאַפטיקע פֿאַרגרייט.

דאַוונט שטיל מיין הייסע תּפֿילה —
בליט דער קאָרן, וואַקסט די ווייץ,
אויך די בוריקעס און מערן,
וועלן צייטיק אָט באַלד ווערן!

זוניק — לויטערער פרימאָרגן!
מיט פרילינג לופט האָסט אונדז באַגליקט;
פרישע בלומען אויפּראָסנייי,
זינגען פויגלען אויף דער פריי!

****

א פרילינג פרימאָרגן

גערוידמעט מיין זון, נחום

אַ גוט מאָרגן דיר,
מיין טאָג, מיין נייער!
איך נעם דיך אַרום
אין לופט דער פרייער.

עס פישטשען פייגעלעך אויף צווייגן,
קעפּעלעך צו בלימעלעך זיי נייגן, —
מעלאָדיעס זיסע — לופטיקע אין די הויכן,
אַזש צום האַרצן זיי דערגרייכן! — —

שאָטנס פייגלשע אויףביימער,
אויף בייטן אויסגעשפּרייטע ליגן,
עס ווערן לאָנקעס ניי־צעגרינטע —
ווי פון שלאָף פרילינגדיק צעוועקטע.

און בלימעלעך יונגע, — —
געלינקע צעפּראַלטע,
פרילינג אָנגעזאָגט;
וויפל פרייד, וויפל פרייד,
עס פאַרמאָגט!

און די רויזן אין הימלישע קאָלירן,
גרויסער וווּנדער — — אין לשער,
אין פרילינג זיג
זיי פּאַראַדירן! — — —

בלומען יונגע אין פיל־פאָרביקע מונדירן,
גרינען גראָזן ווי ווייכער סאַמעט,

גאָטעניו! נאָר ניט צעטרעטן,
עס באַשיצן!
די „סימפאָניע" ניט צעשטערן! . . .

פייגעלעך אין הויכע הויכן,
ציען ניגונדיק הילכיקע אַקאָרדן,
געזאַנגען זיסע, לופטיקע זיך הערן,
טיף צום האַרצן זיי דערגרייכן . . . — — —

און די זון וואַרעמט אַ מחיה!
אויסגעגלאַנצט, אָט ווי אַ נייע, —
און דער הימל ליכטיק בלוי,
אַ וואַרעם ווינטל בלאָזט
און גלעט אַזוי! . . .

* * * *

פרימאָרגן

מיין 57טער געבורטסטאָג דעם 15טן מאי. 1974

איך גיב מיר פון טעפּעלע קאַווע אַ זופּ,
מיין פּעדער אין טינט כ׳גיב א טונק,
צעוואַרעמט אַן אָנזאָג אין מיין מוח, —
ס׳איז 57טער מאַי אויף מיין לוח!

פרימאָרגן אַזאַ ליבער,
די זון אַ ליכטיק צעשיינטע,
קיין סימן פון קימער
זאָרגן פאַרטריבן,
פון לאַנג שוין פאַרדייטע . . .

עס זינגט איצט מיין האַרץ
פול מיט ליבשאַפט אַ ניגון, —
אין שטילקייט — הילכט ריטמיש מיין קול,
ממש ווי אַ קינד צום פאַרוויגן.

עס צעשפּילט אַמאָליקע פרייד
מיין יונגער זכרון;
און ס׳לעבט אויף אַ שפּאַציר
צווישן ווייץ און צייטיקן קאָרן.

פאַרוויש איך אַ טרער
פון פּנים מיין נאַסן, — — —
ס׳דערמאָנט שאָסיי־גאַס . . . דעם גאָרטן,
די פאַרנאַכטיקע שטעטלשע גאַסן.

עס באַגריסט אַ חבר איינער דעם צווייטן,
וואַרעם ווינקען יונגע אויגן,
טײַערע — גליקלעכע יוגנט יאָרן, —
צו שנעל, צו שנעל זענט איר פאַרפלויגן!.

איך גיב מיר ווידער פון טעפּעלע קאַווע אַ טרונק,
מיין פעדער אין טינט כ׳גיב אַ טונק,
אַן אָנזאָג צעוואַרעמט מיין מוח; —
ס׳איז שוין ווידער 5ו5טער מאַי אויף מיין לוח!.

* * * *

דער דריטער זמן

דו גייסט פון די טרעפּ שוין אַרונטער?
ס'איז שווער דיר צו שלעפּן דיין גוף?
ס'געמיט דיינס איז מער שוין ניט פריילעך?
דערהערט האָסט דעם האַרבסטיקן רוף?

שוין אין דריטן זמן ביסט פאַרגאַנגען!
ס'ווערט צייטיק די פּרוכט אין דער בייט,
אויף פעלדער פול זענען די זאַנגען,
ס'איז שניידן און קלייבן דיין צייט.

דיין שליחות האָסטו לאַנג דערפילט שוין,
דיין צושטייער געגעבן דער וועלט:
פּירות און גרינוואַרג מיט ברכה,
פול תבואה אין שייער געשטעלט.

נאָך ווייט, נאָך ווייט איז צו ווינטער,
כאָטש שווער דיין טראָט איז שוין היינט,
אין קאָפּ גיט אַ דריי און אַ שווינדל,
אָבער קרעכצן, קרעכץ ניט מיין פריינט!

אין דריטן זמן ביסט פאַרגאַנגען,
ס'ווערט צייטיק אויף ביימער דיין פּרוכט,
אויף פעלדער די גאָלדענע זאַנגען,
און ס'שמעקט מיט רייפקייט די לופט.

אָטעם אין זיך איין דאָס חיות,
פֿאַרנאַכט, ביי זונאונטערגאַנג,
פֿאַרנעם־נעם די פרייד איידער ס׳לאָזט זיך
הערן דער האַרבסטיקער קלאַנג.

גיי זשע פֿאַמעלעך פון טרעפ איצט אַרונטער,
מאַך גרינג דעם גאַנג פֿאַר דיין גוף,
באַשלאָסן, מיט מוט גיי אַנטקעגן
דעם רוף, דיין האַרבסטיקן רוף...

* * * *

99

זאָג ניט דו ביסט אַלט

און ניט זאָג ווען ס׳פֿאַלן בלעטער; —
„אַוועק שוין די יאָרן אָט באַלד״. —
ווען בלום אין בלעטל צעבליצט,
טוליע זיך צו צו דערמיט! . . .

אויב יונג איז דיין גייסט,
צום פרילינג, צום נייעם,
מיט מוט און מיט דרייסט,
צום פריידיקן לעבן דערגרייכסט.

פֿאַרשאַפסטו נאָר פרייד,
דערמאָנסט מער קיין אומעט, קיין לייד,
און דעם שפּאַן וואָס פֿאַרקירצט,
מיט שמייבל באַגריסט! — — —

איז דיין האַרץ פול מיט ליבשאַפט?
מיט פריינט ביזט געבענטשט,
דערמאָנסטו קיין צער,
ווערסטו באַליבט און געאַכט נאָר דערפאַר . . .

און אַז נעבט זיינען לאַנג,
און די טעג ניט גאָר קורץ,
ניט טאָן זאָל דיר באַנג,
דיין צייט פאַר אויפלעבונג באַנוץ!

זינג טעגלעך אַ לידל,
גיב אַ שמייכל, טו אַ שפּאַס,
אַפילו ווען מיט בעזים און מיט רידל; —
נאָר פריילעכע לידער פֿאַרפאַס!

* * * *

יאָרן

וווהין פאַרשווינדן זיי, די יאָרן?
וווהין פאַרפליען שנעל די טעג?
קענען יאָרן ווייט פאַרפאָרן,
צי ווערן זיי פאַרהאַלטן ביי אַ ברעג? — — —

דרייען זיך יאָרן ווי אין קאַראַהאָדן?
צי ס׳ציט זיך דאָס לעבן ווי אַ לאַנגער בריק?
עס ווערט דאָך לעבן אונדזערס מיט יאָרן אָנגעלאָדן,
וואָס אָפּגעשפּאַנט, ניט קומען קען צוריק . . .

אָט, וואָס קומט גאָר אויפ׳ן זינען,
אַז שפּאַנען קען מען ניט צוריק,
נוץ אויס צום גונסטן שעפּערישע טערמינען,
פאַרגאַנגענהייט ווי פּעדערן צעפּליק . . .

מאַך פון לעבן דאָס בעסטע און גערעכטסטע,
ניט נעם מעשים דיינע מיט צום עולם הבא,
זעטיק אָן דעם מענטש אויף דער וועלט מיט דאָס שענסטע;
קלער אויף! — ברענג אַ ביישפּיל, אַדרבא! . . .

ווייל עס דרייען זיך ניט יאָרן אין קאַראַהאָדן,
דאָס לעבן אונדזערס ווערט מיט משא אָנגעלאָדן,
עס ציט זיך דאָס לעבן ווי אַ לאַנגע בריק,
וואָס אָפּגעשפּאַנט — קומט מער ניט צוריק.

* * * *

דאָס נייע לעבן *

קוקסטו אויף זאַכן לייכטזיניק,
און נעמסט אַלץ אויף אין שפּאַס,
ווערט דיין לעבן וואָכעדיק,
געהערסטו צו דעם לאַנגווייליקן קלאַס...

קוים ווילסטו וועלט דיינע אויפלעבן,
דערזען האָסטו אַ שיין?
שטרעב צו זון און ליכטיקייט,
פאַרשטעל דעם וועג צו אומרעכט, און צו פּיין.

ס׳פאַרגייען טעג און יאָרן,
אין פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער...
ס׳באַגעגענען דיך אין וועג פיל דאָרן,
אויב ביזט עס גובר, בלייבסטו מונטער,
און פאַל ביי זיך נאָר ניט אַרונטער.

און אויב עס שלאָגט דיין האַרץ אַמאָל,
אין זודיק־הייסן בלוט — — —
מחשבות שווימען טיף פון טאָל,
גיס אויס דיין אויסגעשריי — — —
פאַר דיין געזונט ס׳איז גוט.

ניט לאַנגווייל זיך, און חידוש ניט,
ס׳פאַרגייט די צייט צו שנעל...
פאַרנעם ס׳געזאַנג פון אייביקייט,
אין זינגענדיקן פייגל׳ס טרעל!...

עס גייט די צייט צו אַנדערשקייט,
פּאַס זיך אַריין אין ראַם...
געגוג געלעבט עקשנות׳דיק,
אויך דו גיי מיט אין שטראָם!....

* * * *

*(ניט איבערזעצט אויף ענגליש)

בילדער

פון די

קליימאַן - אַנדרעס - משפּחות

חיה רחל׳ס פאמיליע בילד, אלס קינד, גענומען אין 1910. פון רעכטס צו לינקס: איר ברודער, שלמה נחום, 12 יאָר אלט; איר פאָטער, מרדכי מאיר קליימאן; איר שוועסטערל, ריבל, 8 יאָר אלט; איר מאמע, חנה קליימאן; חיה רחל צו 10 יאָר.

Chaya Rochel's family, taken in 1910.
From right to left: Her brother, Shloime Nochum at 12; her father, Mordecai Mayer Kleiman; her sister, Rivl, 8 years old; her mother, Chana Kleiman; and Chaya Rochel at 10 years of age.

חיה רחל'ס אָנקל,
סעם טאָבאָלאָווסקי

Chaya Rochel's Uncle,
Sam Tobolowsky

טאָבאָלאָווסקי
רחל'ס טאנטע,
די אינגערע יאָרן

Chaya Rochel's Aunt,
Tema Tobolowksy,
her mother's sister.

חיה רחל קליימאן און הערשל אנדרעס,
א וואָך פאר זייער חתונה דעם 8-טן
יאנואר, 1922. חיה רחל - 22 און הערשל
- 34. "א געבענטשטע פאָר."

Chaya Rochel Kleiman and Harry Andres, a week before their wedding on Jan. 8, 1922. Chaya Rochel—22; Hershl (Harry)—34. "A blessed pair."

חיה רחלים אָנקל און טאנטע, איזי און פעני ווייל אין זייערע פינף און זיבעציקער
יאָרן. איר אָנקל איזי האָט געלעבט ביז 91, און די טאנטע פעני ביז 93. (איזי איז געווען
איר מוטערים ברודער).

Chaya Rochel's Uncle and Aunt, Izzie and Fannie Wyll at 75. Her Uncle lived to 91 and her Aunt Fannie to 93. Izzie was her mother's brother.

חיה רחל אנדרעס און הערשל אנדרעס אין 1965

Chaya Rochel Andres

and Hershl (Harry) Andres in 1965

חיה רחל'ס אומגעקומענע משפחה:

זיצנדיק, פון לינקס: חיה רחל'ס שוועסטער, חיענע רבקה; אויף איר שויס, איר עלטערע טאכטערל; איר שוועסטער, שיינע אסתר, מיט איר טאכטערל שולמית; **איר** ברודער'ס פרוי און זייער טאָכטער; באשע גיטל, די יינגסטע שוועסטער, מיט חיענע ריבל'ס אינגערע טאָכטער. **שטייענדיק, פון לינקס:** חיענע ריבל'ס מאן; שיינע אסתר'ס מאן; **איר** ברודער שלמה נחום און זיין 15 יאָריקער זון.

CHAYA ROCHEL'S FAMILY LOST IN THE HOLOCAUST.
Sitting, from the left: *Chaya Rochel's sister, Chiyene Rivke with her older daughter on her lap; her sister, Sheine Esther with her little daughter, Shulamith; her brother's wife with her daughter; Bashe Gitl, her youngest sister with Chiyene Rivke's youngest daughter.* Standing, from the left: *Chiyene Rivke's husband; Sheine Esther's husband; her brother, Shloime Nochum and his 15 year old son.*

109

פאמיליע פון דייוו און רוט אנדרעס
זיצענדיג, פון רעכטס : דזשיל, רעיטשל, רוט
שטייענדיג פון רעכטס : מארק דייוו, ראדזשער

Family of Dave and Ruth Andres. Seated, from the right: Jill, Rachel, Ruth. Standing, from the right: Mark, Dave, Roger.

Mrs. Harry Andres (Chaya Rochel) honored by the Jewish Family Service Board of Directors for her more than twenty years of devoted and faithful service as a volunteer, in 1969.

פאמיליע פון ראובן און אמיליע אנדרעס
אין הינטערגרונד, פון רעכטס: קליי מיט זיין ווייבל, קעטהרין, ראובן, / אמיליע
אין פאָדערגרונד, פון רעכטס: לאָרי, דזשולי און טאמי.

Family of Reubin and Amelia Andres
First row, from the right: Laurie, Julie and Tommy
Second row, from the right: Clay and his wife, Katherine; Reubin and Amelia.

צו ראובן און אמיליע אנדרעס ערשטן חתונה יובליי

שטייענדיק, פון רעכטס: חיה רחל אנדרעס, ראובן, אמיליע און הערשל אנדרעס.

זיצנדיק, פון רעכטס: דייוו און נחום אנדרעס

On the occasion of the First Wedding Anniversary of Reubin and Amelia Andres in 1949. First row, from the right: Norman and Dave. Second row, from the right: Chaya Rochel, Reubin, Amelia and Hershl Andres.

די אנדרעס משפחה:

זיצנדיק, פון רעכטס צו לינקס: יעקב לייב אנדרעס, הערשל׳ס פאָטער;
נחמה פייגע, זיין מוטער; **אויפן שויס**, אברהם (אייב אנדוס);
יוכבד, נחמה פייגע׳ס שוועסטער

שטייענדיק, פון רעכטס מייער, איסאַק און הערשל

The Andres Family: from right to left: Jacob Leib Andres, Hershl's father; Nechama Feige, his mother; sitting on a lap, Hershl's younger brother, Abraham (Abe Andrews); Yocheved, Nochama Feige's sister. Standing from right to left: Meyer, Issac and Hershl.

הערשל׳ס טאטע,מאמע, פאָטאָגראפירט
צו זייער חתונה אינעם יאָר 1874. ער איז
דאן אלט געווען 21 יאָר, און זי - 20 יאָר.

Hershl (Harry) Andres' mother and father, Naomi Feige and Jacob Leib, photographed at the time of their wedding in 1874. He was 21 and she—20.

Pictures

from

Our Family Album

Years

Where do the years vanish?
Where do swiftly fly the days?
Can years merely wander afar . . .
Or—be retained at a distant shore? . . .

Does life stretch, like the longest span?
Do the years in circles turn?
Still . . . our lives are with years laden . . .
What's once passed, can no longer return . . .

Now it comes to mind,
That to stride back is an impossibility . . .
What's gone—toss like feathers to the wind . . .
Utilize your creative powers fully . . .

Do not carry your deeds to the great beyond . . .
In this world, see that humanity its bounty gets . . .
Make of life what is righteous and good . . .
Give it thought, and by all means—a precedent set! . . .

While our life is heavily overladen,—
And our years do not in circles turn,
Life stretches like the longest span . . .
What has once gone—will never more return!

119

The Third Season

Not with ease up the stairway you tread,
Quite difficult 'tis your body to bear . . .
Your demeanor's no longer gay,
As the harvest call comes near! . . .

You've only entered the third score's season . . .
In the garden, the ripening of fruits has begun,
Glowing in the field, full-eared—the corn . . .
Your time for reaping and gathering has come!

You have fulfilled your mission long ago . . .
Made your contributions to the world
With fruits and greenery—so blessed . . .
Much grain in barn and grannery stored! . . .

'Tis long, 'tis long yet till winter,
Though heavy the tread on the path you wend . . .
And sometimes your thoughts do falter . . .
But groan? Groaning's not for you, my friend!

Well into the third score's season you've entered,
Nature's bounty on trees mature . . .
In the fields, the corn is golden . . .
The fragrance of ripening's in the air! . . .

At eventide—when the sun goes down,
Inhale deeply of this delight . . .
As you hear the harvest's call,
Grasp this joy in the waning light!

****

A Special Morning

(On the occasion of my 75th birthday — May 15, 1974)

From my cup of coffee I take a sip,
And into the inkwell my pen I dip . . .
My mind warms to the reminder
That it's the 15th of May on my calendar!

Early morning—oh so lovely,
The sun shines ever so brightly . . .
No signs of concern
All worries have been routed . . .
They've long been divested . . .

My heart now sings out,
Filled with love — — a melody . . .
In the stillness, my voice, in rhythm, echoes forth,
As if lulling a child with a lullaby.

